STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00749

# FOYGL KANARIK

M. Shifris

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*David, Michelle, Deborah, Paige & Yael Hamer*
*in honor of*
*Lilly & Sam Hamer's 55th anniversary*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פויגל קאַנאַריק

## און אַנדערע מעשות

משה שיפריס

# פויגל קאַנאַריק

## און אַנדערע מעשות




אַרויסגעגעבן פון
משה שיפריס בוך־קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1950

# FOIGL KANARIK
## Un Andere Meises

By

**MOISHE SHIFRIS**

צייכענונגען פון ה. קרוקמאַן

Copyright, 1950, by
MOISHE SHIFRIS
New York

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, 227 West 17th St., New York
255

אַ מתנה מײַן זונעלע, מישעל

## ביכער פון משה שיפריס

לידער, 1922
ראכאמא און אַנדערע לידער, 1925
ציגל (דערציילונגען), 1929
מלחמה־טעג (פּאָעמע), 1937

## פאַר קינדער:

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, 1928
די מאַמע וואָך מיט די זיבן טעג, 1941
פויגל קאַנאַריק און אַנדערע מעשות, 1950
און אַנדערע

## טעקסט ביכער:

אַרבעטער שול (אינאיינעם מיט נ. קאַמענעצקי), 1934
מיין בוך (אינאיינעם מיט א. גאָלדבערג), 1939
מיין אידיש בוך, 1945

## ביכער איבערגעזעצט פון ענגליש:

דזשאָרדשיא ניגער פון דזשאָן ל. ספּיוואַק
טשילדרען אָוו רעוואָלושאָן פון אַנאַ לואיז סטראָנג
טוירד דעגרי פון עמאַנועל ס. לעווין

# א י נ ה אַ ל ט


די הינער ווילן זיך לערנען יידיש ........ 9

דער אלף־בית איז ברוגז ........ 17

צוויי סוכות ........ 23

פויגל קאַנאַריק ........ 29

ווען איך וועל גרויס ווערן ........ 37

אַ מעשה פון אַ מיידעלע וואָס איז געוואָרן אַ היטל צוקער ........ 43

דער קליינער יהונתן ........ 51

אַ מיידל — אַ דריידל ........ 61

אין קיינעמס לאַנד ........ 67

בערל אַזוי־און־אַזוי ........ 73

אין דער וואַרשעווער געטאָ ........ 81

מזל און שלימזל ........ 85

וואויע־וויינט ........ 93

שוין איינמאָל אַ וועווריק ........ 99

# די הינער ווילן זיך לערנען יידיש

ביט ווייט פון ניו־יאָרק, אַ צוויי שעה רייזע, אויפן זאַמדיקן באָדן פון ניו־דזשוירזי, אַרומגערינגלט מיט שלאַנקע סאָסנע־ביימער, ליגט דאָס שטעטל טאָמס־ריווער.

אין און אַרום דעם שטעטל וואוינען אַ סך יידישע פאַרמער. הינער־פאַרמער רופט מען זיי, ווייל אַלע האָדעווען דאָרטן הינער.

פאַראַיאָרן ווינטער האָבן זיך די יידישע פאַרמער צונויפּ־געקומען און באַשלאָסן אַראָפּברענגען אַ לערער און עפענען אַ יידישע שול. ס'איז ניט שיין, אַז יידישע קינדער זאָלן ניט קענען אויסרעדן אַ יידיש וואָרט, לייענען אַ יידיש בוך און ניט קענען קיין יידישע געשיכטע, — האָבן די פאַרמערס געטענהט.

גערעדט און געטאָן.

אין דעם קאָמיוניטי־צענטער האָט מען אַריינגעשטעלט שול־בענקלעך און אַ גרויסן טאָוול, און ס'איז געוואָרן אַ יידישע שול.

יעדן טאָג, נאָכמיטאָק, זיינען געקומען די קינדער פון די אַרומיקע פאַרמס און זיך געלערנט יידיש.

די קינדער האָבן ליב באַקומען דעם לערער און די שול. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דעקלאַמירן און זינגען יידישע לידער און מיט גרויס חשק זיך צוגעהערט צום לערער, ווען ער האָט מיט זיי געלערנט יידישע געשיכטע.

און די טאַטעס און די מאַמעס און די זיידעס און די באָבעס האָבן געקוואָלן, וואָס זייערע קינדער און זייערע אייניק־לעך שרייבן אַזעלכע שיינע קאָמפּאָזיציעס און דערציילן יעדן טאָג, וואָס זיי האָבן געלערנט אין שול.

איינמאָל אין אַ שיינעם מילדן טאָג, אָנהויב פרילינג, ווען די קינדער זיינען געווען פאַרטיפט אין לערנען און אין קלאַס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן ווי דער זומער קומט אָן, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַן אויסגע־צויגענער זינגענדיקער

— קו־קע־רי־קו !

אַלע קינדער און דער לערער האָבן אַ הייב געטאָן די קעפּ און מיט פאַרוואונדערטע ברייט־צעעפנטע אויגן זיך איבער־געקוקט, ווי יעדער איינער וואָלט פרעגן:

— וואָס איז דאָ געשען?

און אין מיטן דער פלוצימדיקער שטילקייט האָבן אַלע מיט אַמאָל דערזען ווי פון פנחסעס בוזעם באַווייזט זיך אַ קעפּל פון אַ האָן מיט אַ רויטן קאַם און עס דערהערט זיך אַ

— קו־קע —

דאָס קרייען פון האָן איז ניט פאַרענדיקט געוואָרן, ווייל דער ניין־יאָריקער פנחס איז געוואָרן רויטער פון רויטן קאַם פון האָן, און ער האָט גענומען שטופּן דאָס קעפּל פון האָן צוריק אונטער זיין רעקל, וואָס איז געווען אויפגעבלאָזן, גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אַ האָרב פון פאָרנט.

מיט אַמאָל האָט זיך דער האָן מיט אַלע זיינע כוחות אַ ריס געטאָן פון אונטערן רעקל, אַ שפרונג געטאָן און גלייך אויפן לערערס טיש. ער האָט צעשפּרייט זיינע פליגל, אָנגע־שטעלט זיין קאַם און מיט אַלע זיינע יונגע כוחות זיך צעקרייעט מיט אַ זינגענדיקן, אויסגעצויגענעם קו־קע־רי־קו, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אויפוועקן אַלע פאַרמערס פון טאמס־ריווער, פון מיטן זייער אַרבעט.

אַלע קינדער האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. פנחס איז געזעסן אַ פאַרלוירענער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך — צי זאָל ער לויפן נאָכן האָן, צי זאָל ער גאָר אַהיים לויפן.

דער לערער האָט אָנגעשטעלט זיינע ברוינע אויגן אויף פנחסן און רואיק געפרעגט:

— וואָס איז דאָס, פנחס?

פנחס האָט אַ פאַררויטלטער, שפּילנדיק זיך מיט די פאָר ברוינע פעדערן, וואָס זיינען געבליבן אין זיינע הענט, שטיל אַרויסגעמורמלט:

— די הינער ווילן זיך לערנען יידיש.

— וואָס? — האָט דער לערער אָנגעשטעלט אויף פנחסן זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן.




די קינדער האָבן זיך צעלאַכט און פֿון דער ערשטער ריי בענקלעך האָט זיך איבערגעטראָגן צו די הינטערשטע רייען:

— די הינער ווילן זיך לערנען ייִדיש.

— גענוג געלאַכט! — האָט דער לערער אַ זאָג געטאָן מיט אַן ערנסט פּנים, נאָר די ברוינע אויגן מיט די קנייטשעלעך אַרום זיי האָבן געשמייכלט.

די קינדער האָבן אויפֿגעהערט לאַכן, אָבער די פּנימער האָבן געשמייכלט אין דער ליכטיקייט פֿון דער פֿרילינג־זון, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך די פֿענצטער.

דער לערער האָט זיך אַוועקגעזעצט און רויִק געזאָגט צו פּנחסן:

— דערציייל אונדז, פנחס, וועגן די הינער, וואָס ווילן זיך לערנען יידיש.

און מיט זיין ערנסטן פנים האָט ער באַוויזן די קינדער, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן ערנסט און אויסהערן וואָס פנחס האָט צו דערציילן.

פנחס האָט אָנגעשטעלט זיינע שוואַרצע אויגן אויפן לערער:

— יאָ, לערער, די הינער ווילן זיך טאַקע לערנען יידיש. אַזוי האָבן זיי באַשלאָסן. זיי האָבן עס מיר אַליין געזאָגט.

— אויף ענגליש צי אויף יידיש? — האָט איין שילער אויסגעשריען און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

דער לערער האָט אויף אים שטרענג אַ קוק געטאָן און באַרואיקט פנחסן:

— דערצייל, פּנחס, מיר ווילן הערן.

און פנחס האָט גענומען דערציילן:

— יעדן טאָג, אַז איך און מיין שוועסטער שרה פלעגן אַהיימקומען פון דער פּאָבליק־סקול, האָבן מיר אויף שנעל אָפּגעגעסן און אַרויס אויפן הויף שפּילן. מיר פלעגן זיך שפּילן הינטערן הויז, וואו עס געפינען זיך די הינער־הייזער. אַ גאַנצן ווינטער האַלטן מיר די הינער אין די הינער־הייזער, אָבער אַז ס'ווערט וואַרעם אין דרויסן, לאָזט דער טאַטע אַרויס די הינער אויפן פעלד, וואו זיי גייען אַרום און פּיקן מיט די פּיסקעלעך און זוכן שפּייז.

— איך און שרה פלעגן זיך שפּילן מיט די הינער. אייניקע הינער האָבן אונדז אַזוי ליב געהאַט, אַז וואו מיר פלעגן זיין, זיינען זיי אויך געווען.

— די הינער האָבן שוין געוואַרט, אַז מיר זאָלן קומען פון פּאָבליק־סקול און מיר זאָלן זיך שפּילן מיט זיי.

— אָבער זינט מען האָט געעפנט די שול קאָנען מיר זיך מער ניט שפּילן מיט זיי, ווייל מיר דאַרפן גיין אין שול אַריין.

— האָבן זיך די הינער אַרומגעדרייט אויפן פעלד און געווען אומעטיק, אייניקע האָבן אַפילו קיין חשק ניט געהאַט צו לייגן אייער. זיי האָבן געבענקט נאָך אונדז.

— איינמאָל, אַ שבת, ווען איך מיט שרהן זיינען אַרויס צו די הינער, האָבן מיר געזען, אַז עפּעס קומט פּאָר צווישן זיי. זיי גייען עפּעס אַרום און קוואָקען און ברוגזן זיך. זאָג איך צו שרהן:

— וואָס איז געשען מיט די הינער? וואָס זיינען זיי אַזוי אומעטיק און ברוגז? קום, לאָמיר אַ קוק טאָן.

אַז מיר זיינען צוגעקומען נעענטער, הער איך ווי אַלע הינער רעדן מיט אַמאָל און איינע וויל איבערשרייען די צווייטע, און אָט דער האָן, וואָס האָט זיך דאָ צעקרייט, גיט אַ פּלי אַרויף אויף איינער פון די קליינע שטיבעלעך, וואָס שטייען ביי אונדז אין פעלד, אָט די שטיבעלעך, וואָס האָבן ניט קיין ווענט און ניט קיין דילן נאָר אַ דאַך, און וואו די הינער באַהאַלטן זיך אין די גרויסע היצן פון דער ברענענדיקער זון, און ער גיט אַ קריי און הויבט אָן רעדן:

— שאַט, שטיל זאָל זיין! וואָס האָט איר זיך צעגראַגערט ווי די וויבער? רעדט איינציקווייז.

און אַלע מאָל רוקט זיך אַרויס אַן אַנדער הון, אָדער אַ האָן, און נעמט רעדן, אַז שוין אַ לאַנגע צייט, אַז מיר, דאָס הייסט איך און שרה, זייערע בעסטע פריינט, האָבן זיי פאַרלאָזן און אָנשטאָט צו קומען יעדן פאַרמיטאָג און זיך שפּילן מיט זיי, ווערן מיר גאָר פאַרשוואונדן און מען הערט אונדז ניט און מען זעט אונדז ניט — אויס פריינט זיינען מיר, נאָר ווילד־פרעמדע...

אַז אַלע הינער און הענער האָבן אָפּגערעדט און ס׳איז שטיל געוואָרן, רופט זיך אָן אָט דער האָן, וואָס האָט ערשט דאָ געקרייט:

— נו, אַז איר זייט שוין פאַרטיק, וועל איך נעמען דאָס וואָרט. זאָל זיין שטיל. איר האָט מיר געהייסן אויסגעפינען, וואו פנחס און שרה ווערן פאַרשוואונדן יעדן טאָג נאָכמיטאָג. נו, איך בין זיי נאָכגעגאַנגען און האָב אויסגעפונען אַלץ, וואָס איר ווילט וויסן.

— לאָמיר הערן, לאָמיר הערן! — האָבן אַלע הינער זיך צעקוואָקעט.

— אַז איר וועט ניט קוואָקען, וועט איר הערן — האָט




געזאָגט דער האָן. — פנחס און שרה גייען אין אַ יידישער שול זיך לערנען יידיש, אָט דערפֿאַר קומען זיי זיך ניט שפּילן מיט אונדז.

— יידיש, יידיש ? — האָבן אַלע הינער גענומען קוואָקען.

— יאָ, יידיש, — האָט אויסגעשריען דער האָן. — זיי זיינען יידישע קינדער, דאַרפֿן זיי קענען יידיש. אמת, צי ניט ?

— אַוודאי, אַוודאי ! — האָבן אַלע הינער געשאָקלט מיט די קעפּ.

— איז ניטאָ פֿאַרוואָס ברוגז צו זיין אויף זיי — האָט דער האָן אויסגעקרייט — און ניטאָ וואָס זיך צו בייזערן.

זיינען אַלע הינער שטיל געוואָרן. אָבער מיט אַמאָל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ יונג הענדל, אָנגעשטעלט זיין רויטן קאָם און זיך צעקרייט :

— און וואָס זיינען מיר, האַ ? מיר זיינען ביי אַ יידישן פֿאַרמער, יאָ, צי ניט ? דאָ זיינען מיר געבוירן געוואָרן, דאָ זיינען מיר אויפֿגעוואַקסן און דאָ לעבן מיר, יאָ ? זיינען מיר יידישע הינער, יאָ, צי ניט ?

— יידישע, אַוודאי ! — האָבן אַלע הינער צוגעקוואָקעט.

— איז אויב אַזוי, פֿאַר וואָס זאָלן מיר אויך ניט לערנען קיין יידיש, האַ ? בין איך גערעכט, צי ניט ?

— געךעכט, גערעכט, אַוודאי גערעכט! — האָבן אַלע צוגעקוואָקעט.

— אָבער ווי אַזוי קענען מיר זיך לערנען יידיש? — האָט דער האָן אויפן דעכל פון שטיבל געפרעגט. — ווער וועט אונדז לערנען?

— ס׳איז גאָר פּשוט — האָט אויסגעקרייט דאָס יונגע הענדל — דו וועסט גיין מיט פּנחסן יעדן טאָג אין שול אַריין, און וואָס דו וועסט דאָרטן אויסלערנען וועסטו מיט אונדז לערנען.

— און וואָס איז געוואָרן פון דער הינערשער פאַרזאַמ־לונג? — האָט דער לערער געפרעגט מיט אַן ערנסט פּנים.

און פּנחס האָט געענטפערט, קוקנדיק מיט זיינע שוואַרצע אויגן אויפן לערער:

— ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער־אָ האָן — האָט פּנחס געוויזן מיט אַ פינגער אויפן האָן ביים לערער אויפן טיש — זאָל גיין מיט מיר אין שול אַריין זיך לערנען יידיש, און ער וועט שפּעטער לערנען מיט די הינער יידיש.

דער לערער האָט אויסגעהערט די מעשה און זיינע אויגן האָבן געשמייכלט. די זון האָט געשמייכלט דורך די פענצטער.





# דער אלף־בית איז ברוגז

די מאַמע האָט איינגעדעקט מיכלען און געזאָגט:
— פאַרמאַך די אויגן, מיכעלע, און שלאָף איין. מאָרגן דאַרפסטו גיין אין שול אַריין. אַ גוטע נאַכט, אינגעלע, שלאָף געזונט און חלום זיסע חלומות.

די מאַמע האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן, אויסגעדרייט די עלעקטריע און שטיל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

מיכעלע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטער און געטראַכט וועגן דעם זומער וואָס איז אַוועק. ווי גוט ער האָט פאַרבראַכט אין די בערג. אָט האָט ער זיך געזען וויגנדיק אויף אַ שיפל אויפן טייך און אָט האָט ער זיך געזען שפּאַצירנדיק אין וואַלד מיט זיינע חברים. די אויגן האָבן זיך אים שוין גענומען קלעפן, אָט־אָט וועט ער שוין איינשלאָפן. מיט אַ מאָל האָט פון אַ ווינקל פון צימער געגעבן אַ שווים אַרויס אַ שול. די בענקלעך מיטן טאָוול האָבן געטאַנצט אין אַ ראָד. אויף די בענקלעך האָבן זיך געוויגט די קינדער מיט ביכלעך אין די הענט. דער לערער שטייט אין מיטן און פירט דעם כאָר און אַלע קינדער זינגען:

— געזנוג שוין, פּעפּער, שלאָפן,
די שול איז דאָך שוין אָפן;
גיב אַ כאַפּ דאָס ביכל,
קום אין שול שוין, מיכל.

און דאָ דערמאָנט זיך מיכל, אַז אַ גאַנצן זומער האָט ער ניט אָנגעקוקט קיין יידיש ביכל. דער לערער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל לייענען דאָס יידישע ביכל, וועט ער ניט פאַרגעסן וואָס ער האָט געלערנט און קענען גיין אין אַ העכערן קלאַס, אָבער מיכל האָט קיינמאָל ניט געפונען קיין צייט פאַרן יידישן ביכל. ווער ווייס צי ער קען נאָך לייענען אַ יידיש וואָרט.

מיכל האָט געמאַכט ליכטיק אין צימער. ער איז שטיל אַראָפּ פון בעט און גענומען דאָס יידישע ביכל, וואָס די מאַמע

האָט אָנגעגרייט פאַר אים מיטצונעמען מאָרגן אין שול אַריין. ער איז צוריק אַריין אין בעט און געעפנט דאָס ביכל צו זען צי ער קען נאָך לייענען אַ יידיש וואָרט.

ער וויל אָנהייבן לייענען, אָבער עס גייט ניט. די אותיות שפּרינגען אַרויס פון די בלעטלעך און רעדלעך און פּאַסקעלעך דרייען זיך פאַר זיינע אויגן. ער פאַרמאַכט די אויגן. רייבט זיי, עפנט זיי צוריק אויף, אָבער די אותיות זיינען ניט אויף די בלעטלעך, זיי יאָגן זיך אַרום ווי פייער־פליגעלעך אין דער פינצטערניש. טאַנצן אַרויף און אַראָפּ, אַהין און אַהער און מיכל ווייסט ניט ווער איז ווער.

אָט שטעלט זיך אַוועק אַ שין (ש) און אַ וואָוו (ו) און אַ טעס (ט) און אַ היי (ה). זיי שטייען גלייך ווי סאָלדאַטן. און אָט שטעלט זיך איינס לעבן צווייטן אַ בית (ב) און אַ לאַנגע נון (ן) און אָט גאָר אַ פּיי (פּ) און אַ יוד (י) און אַ קוף (ק) און אַ היי (ה) און אַן אַלעף (א) און אַ לאַמעד (ל) און אַ לאַנגע צאַדעק (ץ).

מיכל קוקט אויף זיי מיט גרויס וואונדער, אָבער ער הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס זיי ווילן.

גיט אַ שפּרונג אַרויס די שין מיט די דריי קעפּעלעך און טאַנצט צו גלייך צו זיין נאָז און יעדעס קעפּל גיט אים אַ שנעל — דריי קעפּלעך — דריי שנעל, און זאָגט מיט אַ בייזער:

— שוטה בן פּיקהאָלץ, וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי, וואָס דו קענסט אונדז ניט כאַפּן און דו ווייסט ניט וואָס, און דו ווייסט ניט ווען, און דו ווייסט ניט ווער, לעקיש בער, טאַנץ אַ שער. וואָס האָסטו געמיינט? אַ גאַנצן זומער האָסטו ניט געוואָלט אפילו אַ קוק טאָן אויף אונדז און מיט אַמאָל ווילסטו שוין ווערן מיט אונדז אַ גאַנצער שמעלקע?

דאָ האָט די קוף געגעבן אַ טאַנץ אַרויף אויף מיכלען און מיטן שפּיציקן שטעקל אים גענומען טאָרקען אין די זייטן:

— קיין איינמאָל אפילו ניט אָן עפן געטאָן דאָס ביכל, מען זאָל כאָטש כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

און די דאַלעד האָט גענומען שפּרינגען פאַר מיכלס אויגן און געדרייט דאָס קעפּל אויף רעכטס און אויף לינקס:

— דו אַ זעלכער און אַ זעלכער, דו האָסט זיך געלאָזט וואוילגיין אין די בערג און מיר —

די דינע, לאַנגע נון האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן פון גרויס צאָרן און גלייך אַרויפגעשפּרונגען מיטן שפּיץ אויף מיכלס בויך און געוויגט דאָס קליינע קעפּל אַרויף און אַראָפּ און מיט פאַרגלאָצטע אויגן גענומען דערלאַנגען:

— ביסט געלאָפן אין די גראָזן,
געיאָגט זיך נאָך האָזן,
צווייגן געבראָכן,
עפּל געריסן,
פלוימען געביסן,
זיך געשיפּלט
און געבאָדן גאַנצע טעג,
און אַפילו אַ יידיש בריוול
ניט געשריבן פון וועג.
און איצט ס׳קאָצל קומט,
ער איז דאָ
אין אַ מזלדיקער שעה,
און גיב אים אַ ברייטן ברוך הבא.

און די אַלעף האָט זיך צעבייזערט מיט ביידע קעפּלעך און געפינטלט מיט די אויגן און געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ:

— און ס׳איז אים נאָך אַ חידוש,
וואָס ער קען ניט לייענען קיין וואָרט יידיש.

און די לאַמעד האָט גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק אויף מיכלס שטערן און מיטן הויכן זשיראַף-קעפּל געשאָקלט ווי מיט אַ פינגער פאַר מיכלס נאָז:

— אַז מען לייגט ניט אַריין
נעמט מען ניט אַרויס.
און אַז מען קוקט ניט אין ביכל
לערנט מען זיך ניט אויס.

מיכל איז געלעגן אַ צעטומלטער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— ווי האָב איך געקענט אַריינקוקן אין ביכל און נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין, אַז איך האָב דאָס ביכל אפילו ניט מיטגענומען מיט זיך ?

דאָ איז די בית געוואָרן בייז און אַרויס פון די כלים, געגעבן אַ שפּרונג־צו צו מיכלען און מיטביידע הענטלעך אים אָנגעכאַפּט ביים אויער :

— און פאַרוואָס האָסטו טאַקע ניט מיטגענומען דאָס ביכל, תכשיט איינער, האַ ? וואָס־זשע, זומער דאַרף מען שוין אין אַ יידיש בוך ניט אַריינקוקן ? האָסט אפשר ניט ליב קיין שיינע מעשות, זאָג ?

— אוודאי האָב איך ליב שיינע מעשות — שאָקלט מיכל מיטן קאָפּ אויף יאָ. — איך האָב טאַקע מיטגענומען עטלעכע ענגלישע ביכלעך מיט שיינע מעשות, איך זאָל קענען לייענען אין אַ רעגנדיקן טאָג.

— זייער שיין פון דיין זייט, — זאָגט די בית זייער בייז — אָבער פאַרוואָס נאָר ענגלישע, וואָס־זשע ווייניג מעשות זיינען דאָ אויף יידיש ?

— אַז דער לערער האָט דערציילט מעשות אין שול, האָסטו ליב געהאַט צו הערן ?

מאַכט מיכל :

— איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם לערערס מעשות.

מאַכט די לאַנגע נון :

— אַזוי ? !
און אַליין,
ביסטו קליין
צו געבן אַ לייען
אַ מעשה אין יידיש ?
ביסט פויל
צו עפענען דאָס מויל
און לייענען וואויל
אַ מעשה אין יידיש ?

און דאָ גיט די גימל אַ קלאַפּ מיטן אָפּצאַסל פון שטיוול:

— אָט אַ נאַריש יינגל
מיט אַ לויזן צינגל.
ניטאָ קיין שכל
אין זיין מחל.
ניטאָ צו וועמען צו רעדן —
לאָמיר זיך בעסער צעשיידן.
אַ גאַנצן זומער איז געווען אַ ביכל
אָן אַ מיכל,
איז זאָל איצט זיין אַ מיכל
אָן אַ ביכל.

און אַלע אותיות פון אַלף ביז תו האָבן גערעדט און באַשלאָסן, אַז אַזוי זאָל עס בלייבן: זיי האָבן מיט מיכלען מער ניט צו טאָן. אַ פרעמדער איז ער זיי.

און דאָס ביכל האָט זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופט און גענומען אַוועקפליען און אַלע אותיות נאָך דעם.

האָט מיכל דערפילט אַ האַרבקייט אין דער נאָז ווי ער וואָלט געגעבן אַ שלונג אַראָפּ מיט אַ מאָל אַ גאַנצן לעפל כריין (ווי ס׳האָט פּאַסירט מיט אים פאַר אַ יאָרן פּסח ביים ערשטן סדר) און די טרערן זיינען אים געקומען אין די אויגן און ער האָט זיך גענומען בעטן:

— איצט זע איך טאַקע אַז איר זייט גערעכט,
אַז איך בין אַן עולה באַגאַנגען.
פאַראַן אין ביכל אַזעלכע שיינע מעשות
און פּאָעמעס און געזאַנגען.
איך בעט אייך לאָזט מיך ניט אַליין,
מער וועט אַזאַ זאַך ניט געשען.

אַז די אותיות האָבן דערזען טרערן אין מיכלס אויגן, האָט עס זיי פאַרקלעמט ביים האַרצן און זיי זיינען צוריק אַריין אין בוך און דאָס בוך איז צוריק אַריינגעפלויגן אין מיכלס הענט און — — — — — — — — — — — —

מיט אַמאָל האָט מיכל דערפילט אַ האַנט אויפן אַקסל און ער האָט דערהערט דער מאַמעס שטים:

— מיכעלע, מיכעלע, שוין צייט אויפצושטיין און גיין אין שול אַריין.

מיכל האָט געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פון בעט, אויסגעריבן די אויגן, זיך גוט אַרומגעקוקט און אַ פריידיקער שנעל געלאָפן זיך וואַשן, שנעל זיך אָנגעטאָן, אַ כאַפּ געטאָן דאָס ביכל, מיט ליבע עס צוגעדריקט צו זיך און זיך געלאָזט לויפן אין שול אַריין.

די מאַמע האָט אים נאָכגעשריען:

— מיכעלע, האָסט פאַרגעסן צו עסן.

— כ'וועל שוין שפּעטער עסן, — האָט מיכל געענטפערט לויפנדיק.

און פייל פון בויגן, איז מיכל אין שול געפלויגן.

# צוויי סוכות

מער פון אַלע יום טובים האָט שמואליק ליב געהאַט דעם יום טוב סוכות. ווייסט איר פאַרוואָס ? ווייל אויף סוכות דאַרף מען בויען אַ סוכה, און בויען — דאָס האָט שמואליק ליב מער פון אַלץ אין דער וועלט.

אַז שמואליק דערזעט ערגעץ אַ האַמער און אַ טשוואָק — איז רייסן זיך ממש די הענט אַ נעם צו טאָן דעם האַמער און אַריינהאַקן ערגעץ דעם טשוואָק.

איז טאַקע גלייך נאָך יום כפור שמואליקן געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אָט היינט־מאָרגן וועט אים דער טאַטע אַ רוף טאָן און מען וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט — בויען אַ סוכה.

אמת, ניט אַלע בויען סוכות. די רייכע דאַרפן ניט בויען קיין סוכות. זיי האָבן פאַרטיקע סוכות, וואָס אַ גאַנץ יאָר זיינען זיי געוויינלעכע צימערן, און אַז ס'קומט סוכות עפנט מען אויף אַ פליגל און פאַרטיק — ס'איז שוין דאָ אַ סוכה. אָבער שמואליקס טאַטע האָט יאָ געדאַרפט בויען אַ סוכה. פאַרוואָס ? איר זייט קלוגע קינדער און פאַרשטייט שוין אַליין.

איז טאַקע דערפאַר פאַר סוכות שמואליק געוואָרן אַ גאַנצער בויער. דעם אמת געזאָגט, האָט שמואליקס טאַטע געבויט און שמואליק האָט נאָר צוגעהאָלפן — דערלאַנגט דעם האַמער, אַ טשוואָק, געלאָפן אַנטלייען אַ זעג ביי אַ שכן און — אַז איר וועט האַלטן אַ סוד וועל איך אייך אויסזאָגן דעם אמת, אַז דער טאַטע זיינער האָט געהאַלטן אין איין בייזערן זיך, אַז שמואליק טוט אים אָן מער שאָדן, ווי ער העלפט אים אַרויס. אָט האָט ער ערשט איבערגעקערט דאָס קעסטל מיט טשוועקעס און אָט־ערשט פריער האָט ער פאַר־טשעפּעט די הייזקעס אין אַ טשוואָק וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַן אַלטער, צעבראָכענער באַנק. אָבער אַזוי זיינען שוין טאַטעס, אַז וואָס מען טוט געפעלט זיי ניט...

וואָס איז שמואליק שולדיק, אַז ס'איז אים אַזוי גוט און אַזוי פריילעך, אַז ס'ווילט זיך אים ניט גיין, נאָר שפּרינגען און אַז שפּרינגענדיק האָט ער איבערגעקערט די טשוועקעס, צי זיך פּאַרטשעפּעט די הייזקעס?

און ווי קען ער זיך איינהאַלטן און ניט איבערקוליען זיך און ניט שפּרינגען און ניט פליען, אַז ס'קיצלט אים אונטערן לעפּעלע ווען ער זעט ווי דער טאַטע, אַ גרויסער ייד מיט אַ באָרד, קריכט אַרויף אויף אַ לייטער און בלייבט שטיין העט־העט הויך אויפן שפּיץ דאַך און פעסטיקט צו דעם סלוף פון דער סוכה. דעם טאַטנס היטל איז פאַררוקט אויף דער זייט, די באָרד איז צעשפּרייט און פלאַטערט, און ביידע פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע זיינען אָנגעבלאָזן פון ווינט ווי זעגלען אויף אַ שיף אין מיטן ים.

און פון אויבן, פון דאַך, שיקט דער טאַטע אַרונטער באַפעלן, ווי אַ קאַפּיטאַן:

— שמואליק, דערלאַנג דעם האַמער.

— ברענג אַהער אָט יענע ברעט.

און שמואליק גייט ניט — ער שפּרינגט, ער לויפט, ער פליט — ער בויט מיטן טאַטן אַ סוכה!

נו, איז עפּעס אַ וואונדער, וואָס שמואליק האָט ליב דעם יום טוב סוכות.

דער טאַטע האָט אויסגעגראָבן די גריבער און אַריינ־געשטעלט די סלופּעס. ער האָט צוגעקלאַפּט די ברעטער און שמואליק האָט דערלאַנגט צו דער האַנט די טשוועקעס, די זעג און דאָס צווענגל. אַפילו אַ פענצטער האָבן זיי אַריינגעשטעלט אין דער סוכה. אמת, אַז אין פענצטער זיינען ניט געווען מער ווי צוויי שויבן, די אַנדערע צוויי זיינען געווען אויסגעבראָכן און מען האָט זיי באַדאַרפט פאַרקלאַפּן מיט ברעטלעך, אָבער פאָרט אַ פענצטער.

ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ סוכה, אַז די מאַמע האָט אַזש אָנגעקוואָלן.

דאָס איינציקע, וואָס ס'האָט נאָר געפעלט, איז געווען

סכך פֿאַרן דאַך. און אויף דעם האָט מען באַדאַרפֿט וואַרטן ביז די פּויערים וועלן עס ברענגען צו פֿירן פֿון דאָרף.

ערב סוכּות איז שמואליק מיטן טאַטן אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, כּדי אָפּצוּוואַרטן די פּויערים מיטן סכך. „ווייל טאָמער פֿאַרשפּעטיקן מיר" — האָט שמואליקס טאַטע געוואָרנט — „קענען מיר נאָך חלילה בלייבן אָן סכך."

ס'איז געווען אַ קילער האַרבסטיקער פֿרימאָרגן און די זון האָט זיך ערשט גענומען צעוואַרעמען, אָבער די פֿרייד אין האַרצן, די דערוואַרטונג אַז אָט באַלד וועט דער פּויער פֿאַר־פֿאָרן מיטן סכך אויפֿן הויף און די סוכּה וועט באַדעקט ווערן מיטן פֿרישן, שמעקנדיקן סכך — האָט געוואַרעמט יעדן אבר שמואליקס.

אַהיים געקומען מיטן סכך זיינען זיי ווען די זון האָט שוין גוט געוואַרעמט און דער גריענער סכך האָט געבלאַנקט און געהעלט אין דער זון. און נאָך זוניקער און ליכטיקער איז געוואָרן ווען דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל ערגעץ טיף אין דער באָרד:

— נו, בחורעץ, וואָלסט אפשר חשק געהאַט אַרויפֿ־צוקלעטערן אויפֿן דאַך און אויסלייגן דעם סכך? נאָר גיב אַכטונג, זאָלסט ניט אַרונטערפֿאַלן.

צי שמואליק האָט חשק אַרויפֿצוקלעטערן אויפֿן דאַך? — מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען אויבן.



און אַז שמואליק איז געווען אויבן האָט ער דערזען אַ ברייטע, פרייע וועלט, מיט דעכער, מיט סוכות. און ער האָט טאַקע דערזען דעם דאַך פון זייער רייכן שכנס סוכה. יאַנקל דער משרת איז געשטאַנען אויפן דאַך און צעלייגט דעם סכך און פון אונטן האָבן זיך געהערט די בייזע באַפעלן פון רב שלום, דעם רייכן שכן:

— יאַנקל, וואָס קריכסטו דאָרטן? גיב זיך אַ ריר!

— טרייסל ניט דעם סכך, י־אַ־נ־ק־ל!

די סוכה איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעעפנטן דאַך, ווי אַ פליגל פון אַ ריזיקן פויגל וואָס וויל פאַרדעקן יאַנקל דעם משרת און אַנטלויפן מיט אים.

ווען שמואליק האָט גענומען אַראָפּקלעטערן פון לייטער, האָט זיך געעפנט דאָס פענצטער פון שכנס הויז און ס'האָט זיך דערהערט בערקעס שטים:

— מיר האָבן אַ שענערע סוכה. זי שטייט אַ גאַנץ יאָר. און אונדזער סוכה איז אויסגעפוצט מיט אַלערליי פרוכט און שיינע זאַכן. אייער סוכה איז אַ חורבה, צונויפגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּייעכץ — האָט זיך בערקע געריצט.

— אונדזער סוכה האָבן מיר אַליין געבויט — האָט שמואליק זיך צוריק געריצט — איך און מיין טאַטע, און זי איז טויזנט מאָל שענער פון אייערער.

— אָט פאַלט זי איין, די חורבה — האָט זיך בערקע צעלאַכט און אַרויסגעשטעלט שמואליקן אַ צונג.

ווען שמואליקס טאַטע וואָלט ניט געווען דערביי, וואָלט בערקע שוין ניט גלאַט אָפּגעשניטן...

אַז דער דאַך איז באַדעקט געוואָרן מיט סכך און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ כשרה שיינע סוכה, האָט שמואליק מיט זיין שוועסטער גיטל אַריינגעטראָגן צוויי לאַנגע בענק און אַ שטול אויבן־אָן פאַרן טאַטן.

שמואליק מיט גיטלען האָבן היינטיקס יאָר — בערקען אויף להכעיס — אויסגעפּוצט די סוכה מיט שיינע פרוכט. אמת, ניט מיט קיין טייערע וויינטרויבן. אויף שטריקלעך, וואָס זיי האָבן

צוגעבונדן צו דער סטעליע, האָבן זיי אויפגעהאַנגען רויטע, ווייניקע עפּל.

דעם ליימענעם דיל האָט גיטל באַשאָטן מיט געל־גאָלדיקן זאַמד און די ווענט האָבן זיי באַהאַנגען מיט פרישע, גרינע צווייגן, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון וואַלד.

שמואליק האָט זיך פּשוט ניט געקענט אָנזעטיקן מיט דער סוכה. אַז אַלע זיינען אַרויס, האָט ער זיך געגעבן אַ קוליע איבער און אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן קוויטש.

וואָס גייט אים אָן די רייכע סוכה פון דעם שכן ? — ניטאָ, דאַכט זיך, נאָך אַזאַ סוכה ווי זייער סוכה.

קוים דערלעבט. שוין געקומען פון שול. שוין אויפן וועג אַהיים, האָט שמואליק מיטן טאַטן באַגעגנט אַ בייז ווינטל, וואָס איז אַלע מאָל בייזער געוואָרן און געריסן שטיקער פון שמואליקס קאַפּאָטע און נאָר געוואָלט אַרונטעררייסן זיין היטל. אָבער אין הויז איז געווען יום טוב׳דיק, פריידיק און ווער האָט געטראַכט פון בייזן דרויסן ?

יום טוב׳דיקע זיינען זיי אַריין אין סוכה, זיך אויסגעזעצט און געפומען וואַרטן ביז די מאַמע וועט ברענגען דאָס עסן.

דער ווינט איז אָבער געוואָרן וואָס אַמאָל בייזער, שטאַרקער, זיך גענומען אַריינרייסן דורך די שפּאַרונעס פון די ווענט, דורכן סכך אויפן דאַך. די סוכה האָט זיך גענומען שאָקלען. שמואליק האָט זיך אַ ביסל גענומען שרעקן, אָבער די פרייד האָט פאַרטריבן די שרעק.

קיין לבנה האָט זיך ניט געזען דורכן סכך. דער הימל איז געוואָרן שוואַרץ, פאַרוואָלקנט. דער ווינט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, בייזער. איצט האָבן אַלע ממש געפילט ווי דער ווינט רייסט מיט זיינע געזונטע לאַפּעס די ווענט פון דער סוכה. דער טאַטע איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער, מיט די אויגן צו דער סטעליע.

ווען די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די יויך, האָט דער ווינט אַזאַ טרייסל געטאָן די סוכה, אַז גאַנצע בינטלעך סכך זיינען אַריינגעפאַלן אין די טעלער.

אַלעמענס אויגן זיינען איצט געווען אָנגעשטעלט אויף

דער סטעליע, וואָס האָט זיך געוויגט ווי אַ שיף אויף אַ צע־שטורעמטן ים.

אַ ווײַלע איז אַלץ שטיל געוואָרן. אין דער שטילקייט האָבן אַלע ווי געוואַרט אויף עפּעס, וואָס וועט באַלד מוזן פּאַסירן. און טאַקע, מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ. די גאַנצע סוכּה האָט זיך אַ וויג געטאָן און דער דאַך האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָנטער און איז געבליבן הענגען איבער די קעפּ, אָט־אָט און ער פֿאַלט אין גאַנצן אַראָנטער.

די מאַמע האָט געגעבן אַ קוויטש, אַ כאַפּ געטאָן דעם לאָמפּ פֿון טיש און ווי אויף אַ באַפֿעל פֿון עמעצן האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן פֿון דער סוכּה מיט די טעלער אין די הענט.

דער ווינט האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ אין דער מאַמעס האַנט. און ביים שײַן פֿון קיך־פֿענצטער האָבן אַלע דערזען ווי די גאַנצע סוכּה ברעכט צוזאַמען.

אַלע זײַנען געשטאַנען ווי פֿאַרלאָרענע אין מיטן דער פֿינצטערער נאַכט.

פֿון שכנס סוכּה האָט זיך דערהערט אַ פֿריילעך געזאַנג. דאָס העל־צעצונדענע פֿענצטער האָט זיך געריצט מיט שמואליק.

שמואליקס סוכּה איז געלעגן אַן אײַנגעפֿאַלענע.

דאָס האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט. זײַנע אויגן זײַנען אָנ־געפֿילט געוואָרן מיט טרערן, טרערן פֿון פֿאַרדראָס:

בערקע האָט גאָר ניט געבויט און זיצט רויִק אין סוכּה, און שמואליק האָט געבויט און געבליבן מיט גאָר ניט...



# פויגל קאַנאַריק

פויגל קאַנאַריק האָט זיך געלעבט אַ רואיק, זאָרגלאָז לעבן.

ער האָט זיך אויפגעבויט אַ נעסט אונטערן דאַך פון וואַלד־וועכטערס הייזל. די נעסט איז געווען געבויט פון דינינקע צווייגעלעך, בלעטלעך און פעדערלעך. זי איז געווען באַשיצט פון רעגן, פון ווינט און פון קעלט.

אויפגעשטאַנען איז פויגל קאַנאַריק גלייך מיט דער זון. זיך אויסגעפוצט די פעדערן, דאָס געל־גאָלדיק בייכל, דורכגעשפּאַצירט זיך אַ פּאָר מאָל אויפן ברעג דאַך, זיך צעטרילט מיט אַ פריילעכן: — ציף־ציף — צי־י־יפּ־פּ־ף. אַ צענעם די פליגל און גלייך אין וואַלד. פון בוים צו בוים, פון צווייג צו צווייג, און —

— ציף־ציף—צי־י־יף־ף־ף, פּ־ר־ר־ר...

באַלד צוריק צום וואַלד־וועכטערס הייזל. זיך צעשפּרונגען אויף דער לאָנקע, איבער די בייטן פון קליינעם גאָרטן און געהאַלטן אין איין זינגען.

אַז די זון שיינט אַזוי גאָלדיק און וואַרעם, אַז די פעלדער און וועלדער גרינען און דער הימל איז אַזוי לויטער און בלוי, מיט אַזעלכע ווייסע וואַטע־וואָלקנס, וואָס שווימען אַרום אין דער בלויקייט ווי שיפן אויפן וואַסער, איז ווילט זיך טאַקע זינגען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן:

— ציף־ציף—צי־י־יף־ף־ף, פּ־ר־ר־ר...

און אַז מען ווערט הונגעריק, זיינען דאָ קערנער אויף די פעלדער, ווערימלעך זאַפטיקע אַרום די וואָרצלען פון די ביימער, און די קינדער פון וואַלד־וועכטער צעוואַרפן ברעקלעך פאַרן הייזל און זייערע קלינגענדיקע שטימען רופן:

— ציף־ציף־ציף, פויגל קאַנאַריק, קום און עס, פויגל שיינער!

אַט אַזוי אַ גאַנצן טאָג.

געאַרבעט אַרום דער נעסט, געקליבן ווערעם און קער־נער און ברעקלעך, און געזונגען פריילעך און פאַרקלונגען די לאָנקע און דעם וואַלד מיט פריילעכן געזאַנג.

און אַז די פויערים האָבן דערהערט פויגל קאַנאַריקס געזאַנג, האָבן זיי אויסגעגלייכט אויף אַ ווײַלע די רוקנס, אָפּ־געווישט דעם שווייס מיט רויטע געבלימלטע פאַטשיילעס, זיך אָנגעשפאַרט אויף די קאָסעס, אָדער גראַבליעס, זיך צו־געהערט צו פויגל קאַנאַריקס געזאַנג און זייערע הערצער האָבן זיך אָנגעפילט מיט פרייד, און זיי האָבן געקוקט פאַר־חלומט ערגעץ ווייט אַהין, וואו דער הימל ליגט אויפן באַרג, און אין זייערע אויגן האָבן געפינקלט אַזעלכע ליכטיקע, פריי־דיקע טרערן.

אָט אַזוי פריילעך און זאָרגלאָז האָט זיך געלעבט פויגל קאַנאַריק.

מיט אַ מאָל איז עפּעס געשען.

איין אינדערפרי, ווען פויגל קאַנאַריק איז אויפגעשטאַנען און זיך אויסגעגלעט זיינע שיינע פעדערן און אַרויף כאַפּן אַ שפּאַציר אויפן ברעג פון דאַך אויפן וואַלד־וועכטערס שטיבל, האָט ער דערהערט אַ הילכיק דונערן, אַזש דאָס שטיבל אונטער אים האָט געציטערט. דאָס הילכיקע דונערן האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, די פעלדער זיינען באַדעקט געוואָרן מיט רויך, פון ווייטן האָבן אויפגעפלאַמט גרויע פייער־צונגען.

קיין מענטשן אויף די פעלדער האָבן זיך ניט באַוויזן. פון וועכטערס שטיבל זיינען די קינדער ניט אַרויסגעקומען. קיין מענטשלעכע שטים האָט זיך ניט געהערט.

די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט רויך און מיט פאַר־טויבנדיקע קלאַנגען.

פויגל קאַנאַריק האָט דעם פרימאָרגן ניט געזונגען. עפּעס האָט זיך דאָס מויל ניט געעפנט צום זינגען. ער איז אַוועק אין וואַלד. ער האָט געוואָלט אָנהויבן שפּרינגען פון בוים צו בוים, פון צווייג צו צווייג, אָבער עפּעס האָט זיך ניט געשפּרונ־גען. האָט ער זיך געלאָזט צוריק צו זיין נעסט, אָבער אין מיטן פליען האָט ער דערזען ווי דעם וועכטערס שטיבל הויבט זיך



אויף אין דער הויך מיט אַ דיקן זייל רויך און צעפּאַלט זיך אויף שטיקלעך אין אַלע זייטן.

* * *

פויגל קאַנאַריק איז געבליבן אָן אַ היים. קיין ברעקלעך לעבן וועכטערס שטיבל האָט ער שוין מער ניט געפונען. אויף די פעלדער זיינען שוין קיין קערנער ניט געווען. און פויגל קאַנאַריק האָט אָנגעהויבן הונגערן.

און אַז סע הונגערט — זינגט זיך ניט.

האָט פויגל קאַנאַריק אַרומגעבלאָנקעט אַ הונגעריקער, אַ שווייגנדיקער.

אַז פויגל קאַנאַריק האָט געזען, אַז ער פאַרלירט די לעצטע כוחות און קיין האָפענונג אויף בעסערע צייטן איז ניטאָ, האָט ער באַשלאָסן זיך אַרויסצולאָזן אין דער וועלט אַריין — זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ, שפּייז צו שטילן דעם הונגער און אַ ביסל פרייד.

האָט פויגל קאַנאַריק געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויפן וואַלד, אויף די פעלדער, אויפן איינגעפאַלענעם שטיבל מיט דער צעשטערטער היים און דורך טרערן אַרונטערגעשלונגען אַ שטילן „ציף־ציף". דאָס איז געווען אַ שטילער, טרויעריקער זיי־געזונט. און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַריין.

איז ער געפלויגן און געפלויגן ביז ער איז אָנגעקומען

אין אַ גרויסער שטאָט. שטייען הויכע מויערן, ליגן גלאַטע, ברוקירטע גאַסן, יאָגן מענטשן, איילן זיך. קוקט זיך קיינער אויף אים ניט אום. און די גאַסן זיינען האַרט און קיין קערנער און קיין ברעקלעך קען ער ניט געפינען.

און דער הונגער לאָזט ניט אָפּ. און ס'איז אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן. אַן עלנטער אין אַ פרעמדער שטאָט.

האָט פויגל קאַנאַריק באַשלאָסן זיך צו פאַרדינגען פאַר אַ זינגער און פאַרדינען אויף עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

איז ער צוגעפלויגן צו א גרויס, רייך הויז, זיך אַוועק־געשטעלט אויף דער שוועל פון פענצטער, און מיט די לעצטע כוחות גענומען זינגען אַ טרויעריק, האַרציק ליד.

האָט זיך דאָס פענצטער פּאַמעלעך געעפנט און אַ פרוי האָט זיך באַוויזן און זיך איינגעהערט.

האָט פויגל קאַנאַריק גענומען בעטן אויף זיין פויגל־שפּראַך:

— ציף־ציף—צי־י־יף־ף־ף...

וואָס אויף מענטשלעכע שפּראַך האָט עס געמיינט:

— גיב מיר עפּעס עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ, וועל איך ווערן ביי דיר אַ זינגער.

האָט די רייכע פרוי געשמייכלט. זי האָט געטראַכט, אַז ס'אַ גרויסע מציאה צו קויפן אַזאַ שיינעם זינגער פאַר עטלעכע ברעקלעך און אַ ווינקל אין הויז.

האָט זי גענומען פויגל קאַנאַריק און אים אַריינגעזעצט אין אַ שטייגל. זי האָט אים געגעבן עטלעכע קערנער און אַ ביסל וואַסער, און אַז ער האָט איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ האָט די פרוי גענומען צום אים סמאַטשקען מיט די ליפּן.

האָט פויגל קאַנאַריק פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ביי מענטשן אַן איינלאַדונג צום זינגען.

האָט ער פאַרמאַכט די אויגן — דערזען זיין נעסט, דעם וואַלד, די פעלדער, זיין אַמאָליקע היים, און ער האָט זיך צע־טרילט מיט אַזעלכע שיינע, וואונדערבאַרע טענער, אַז די פרוי איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט.

און פויגל קאַנאַריק האָט זיך געפּרייט מיט זיין נייער היים, וואו ער האָט גענוג צו עסן צו דער זאַט, און ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּרינגען אין שטייגל און זינגען פריילעכע לידער.

די רייכע פרוי האָט איינגעלאַדן געסט און פויגל קאַנאַריק האָט געזונגען פאַר זיי און די פרוי איז געווען שטאָלץ מיט איר זינגער, וואָס זינגט אַזוי שיין פאַר עטלעכע קערנער און אַ ביסל וואַסער.

איז אַוועק אַ שטיקל צייט און פויגל קאַנאַריק האָט פאַרגעסן אין הונגער און קעלט. האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין אַמאָליקער היים מיט די פרייע פעלדער און וועלדער און זיין נעסט און דאָס שטיבל פון וואַלד־וועכטער און אין זיין פריילעך געזאַנג, פון וועלכן די פויערים האָבן געהאַט אַזוי פיל פרייד...

...אַז פויערים האָבן דערהערט זיין געזאַנג, האָבן זיי זיך מיט מער חשק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און עס זיינען געוואַקסן סנאָפּעס תבואה ריי נאָך ריי...

אָבער דאָ ביי דער רייכער פרוי זיצט מען נאָר און מען עסט. ווען ער זינגט עסן זיי און נאָכן זינגען עסן זיי. און דאָס עסן ווערט באַגלייט מיט רייד און רייד און קיינמאָל זעט מען זיי ניט אַרבעטן.

גיי זינג פאַר ליידיקגייער!

האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ גרויסע בענקשאַפט, און ענג איז פאַר אים געוואָרן דאָס שטייגל, וואָס האָט אים געפאַנגען ווי אין אַ טורמע.



פלעגט ער בלייבן זיצן אַן אומעטיקער, אַ שווייגנדיקער און קיין איין טרעל איז ניט אַרויס פון זיין מויל. און דאָס עסן איז געבליבן ניט באַרירט און דאָס וואַסער האָט געטריקנט אין שעלכל.

האָט די רייכע פרוי געסמאָטשקעט מיט די ליפּן, זיך געבעטן ביי אים:

— זינג עפּעס, פויגל קאַנאַריק.

אָבער פויגל קאַנאַריק איז געזעסן אין אַ ווינקל און אַפילו דאָס מויל ניט געעפנט. וואָס זי האָט ניט געטאָן — פויגל קאַנאַריק האָט ניט געזונגען.

ער האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צוריק צו נעמען אַ ביסל שפּייז, אויפצוהאַלטן די כוחות, האָט זיך שוין די פרוי געפרייט און זי האָט געבראַכט געסט און געסמאָטשקעט מיט די ליפּן און געוואַרט מיט פרייד אויף זיין זינגען. אָבער — פויגל קאַנאַריק האָט מער ניט געזונגען.

איז די רייכע פרוי אין כעס געוואָרן: עסן — עסט ער, אָבער זינגען — זינגט ער ניט.

האָט זי געטראַכט: זי וועט צונעמען דאָס עסן, וועט ער שוין זינגען.

אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן.

איז זי געוואָרן אין כעס:

— צו וואָס דאַרף איך אַן אומזיסטיקן עסער?

און זי האָט געעפנט דאָס שטייגל און אים אַרויסגעטריבן.

ס'איז געווען אָנפאַנג פרילינג. דאָס פענצטער איז געווען אָפן און די זון האָט געשיינט און געלויכטן און געוואַרעמט.

האָט פויגל קאַנאַריק צונויפגענומען דאָס לעצטע ביסל כוחות, אַ צענעם געטאָן די פליגל און אַרויפגעפלויגן אויפן שוועל פון פענצטער.

און אַז ער האָט אַ שמעק געטאָן דעם פרישן פרילינג, דעם פרייען אַרום, און דערזען דעם בלויען הימל מיט די ווייסע וואַטע-וואָלקנס, האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ ניי לעבן און ער האָט אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגל און אַ פריילעכער זיך צעזונגען:

— ציף־ציף—ט־ר־ר־יל—פּ־פּ־פּר־י־יל . . .
— בעסער צו הונגערן אויף דער פריי,
איידער צו זינגען אין שקלאַפעריי.

און ער האָט אַ צענעם געטאָן די פליגל, זיך אַ הויב געטאָן און אַ פריילעכער, אַן אויפגעלעבטער זיך אַ לאָז געטאָן אין דער פרייער וועלט אַריין.





# ווען איך וועל גרויס ווערן

ס'איז אָנהייב פרילינג. די זון אַן אויסגעצוואָגענע, אַן אויסגעקעמטע, אַ גאָלדענע האָט זיך אַ פריילעכע אַרויסגעלאָזט איבער די ווינער גאַסן און אָנגעזאָגט מיט פרייד:

— דער בייזער ווינטער איז שוין ווייט-ווייט אַוועק — עס קומט דער גאָלדענער פרילינג אין לאַנד.

מאָטל זיצט אין אַ ווינקל פון שטוב אַזאַ אומעטיקער, ווי אַן אַלטער טאַטע מיט אַ סך זאָרגן. אפן דיל ליגט אַ פענצטער: פיר גאָלדענע, ליכטיק שויבן אין שוואַרצע ריימלעך. דאָס האָט די זון, די שטיפערקע, אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, זיך אַריינגעריסן דורכן פענצטער און עס אַוועקגעלייגט אפן דיל.

מאָטל שטרעקט אויס אַ האַנט. ער וויל אַריינרוקן די האַנט אין מיטן פון סנאָפּ זון-שטראַלן. ער האָט ליב צו קוקן ווי די זון מאַכט די האַנט דורכזיכטיק, ראָז, ווי רויזן-בלעטלעך און צווישן די פינגער ליכטיקט אַזוי רויט, ווי פייער. אָבער ער טוט עס ניט, ווייל ער וויל זיך איצט ניט שפּילן, ווייל ער וויל איצט ניט זיין פריילעך, ער וויל גאָר איצט זיין אומעטיק.

אין שטוב איז אומעטיק און טרויעריק, אין יעדן ווינקל איז טרויעריק. שוין טעג, אַז מען הערט ניט קיין געלעכטער אין הויז. מען רעדט שטיל, ווי מען וואָלט געשטאַנען ביים בעט פון אַ געפערלעכן חולה.

ביי דער מאַמען זיינען אויפגעלאָפן קישעלעך אונטער די אויגן און דער טאַטע איז גרוי געוואָרן.

עס שלעפּן זיך אַזעלכע אומעטיקע טעג.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין יענעם טאָג ווען היטלערס נאַציס האָבן אַריינגעמאַרשירט קיין ווין.

די וויסטע בשורה האָט זיך באַלד צעטראָגן איבער דער שטאָט. יידן האָבן שנעל געשלאָסן די קראָמען, זיינען זיך צעלאָפן פון די גאַסן און אַוועק פון זייערע היימען. מען האָט

פאַרשלאָסן די טירן, פאַרריגלט די טויערן, פאַרהאנגען די פענצטער און מיט איינגעהאלטענעם אָטעם, מיט ציטערדיקער שרעק זיך צוגעהערט צו דער גאַס.

שפעט אין דער נאַכט האָבן טאַטע־מאַמע שטיל גערעדט צווישן זיך. גערעדט עפעס וועגן ווייטע לענדער. אינדערפרי האָט זיך דער טאַטע אָנגעטאָן און איז ערגעץ אַוועק. די מאַמע האָט מאָטלען געגלעט און דערציילט, אַז דער טאַטע איז אַוועק־געגאַנגען ערגעץ נאָך אַ פאַספּאָרט, אַז ער האָט צונויפגענומען געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון יאָרן שווערער פּראַצע און אַז זיי וועלן פאָרן אין אַ ווייט לאַנד, וואו מען זידלט ניט און מען טרייבט ניט קיין יידן.

אַ שעה איז אַוועק און צוויי און דריי.

די זון האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגיין. שאָטנס אומעטיקע האָבן זיך געלייגט אויף די ווענט.

און דער טאַטע איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

מאָטל איז געזעסן אין אַ ווינקל, געקוקט אף די שאָטנס: ער האָט געזען היטלערן, — אַ הויכער, אַ ריזיקער מאָנסטער. פאַר אים ציען זיך געבויגענע שאָטנס און היטלער קנאַקט מיט אַ בייטש איבער זייערע קעפּ, איבער זייערע רוקנס.

— אַך, ווען איך וועל אויפוואַקסן און זיין אַ גרויסער — האָט מאָטל געטראַכט — וועל איך פאָרן קיין דייטשלאַנד און גלייך אַוועק צו היטלערן — און מיט אַ לאַנגער בייטש מיט אַ סך קניפּן, וועל איך אים שמייסן איבערן פּנים, איבער די הענט און זאָגן:

— געדענקסט ווי דו האָסט געשלאָגן די יידן און אַלע גוטע אָרעמע מענטשן? איצט פיל אויך דעם טעם פון דער בייטש.

און דערנאָך — האָט מאָטל ווידער געטראַכט — וועל איך אַוועק אין אַלע קאָנצענטראַציע לאַגערן, צעעפענען די טויערן און זאָגן צו אַלעמען:

— גייט, ליבע מענטשן, איר זייט פריי.

— און דערנאָך וועל איך נעמען אַלע נאַציס און וועל זיי אַריינטרייבן אַ היין און פאַרשליסן אַלע טירן און טויערן מיט שטאַרקע שלעסער און זאָגן:

— איר האָט געגוג שלעכטס געטאָן די יידן און אַלע אָרעמע מענטשן, שוין צייט מען זאָל אייך אָפּזינדערן ווי משוגענע הינט.

אַ טומל ביי דער טיר האָט מאָטלען אויפגעוועקט פון זיין טראַכטן.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט, צוויי באַוואָפנטע, הויכע, געזונטע שטורעם־טרופּערס האָבן אַריינגעוואָרפן דעם טאַטן. ער איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט.

די מאַמע איז אַריינגעלאָפן פון קיך און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע אויף דער שוועל.

דער טאַטע איז געשטאַנען מיט בלאַסע, ציטערדיקע ליפּן, אַ פאַרבלוטיקטער אַ צעקלאַפּטער. איינער פון די שטורעם־טרופּערס האָט זיך צעשריען:

— נו, וואָס שטייסטו, הינטישער ייד, גיב דיין געלט. מיר האָבן ניט קיין צייט, עס וואַרטן נאָך אַ סך הינטישע יידן אויף אונדז.

— איר ווילט אונדז דאָ ניט — האָט דער טאַטע גערעדט ווי פאַר זיך — און איר לאָזט אונדז ניט אָפּ.

— שנעלער — האָט דער צווייטער שטורעם־טרופּער אַ הייב געטאָן אַן אייזערנע פויסט — אָדער דו ווילסט מיר זאָלן דיר ווידער דערלאַנגען ווי אין פּאָליציי־צירקל?

די מאַמע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאַץ:

— לאָזט אים אָפּ.

— אַוועק, שמוציקע יידישקע — האָט זי דער שטורעם־טרופּער אַ שטויס געטאָן פון זיך. — דו האָסט געלט אַוועק־צופאָרן פון לאַנד, גיב זשע עס אַהער.

מאָטל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאַץ, איז צוגעלאָפן צום שטורעם־טרופּער און מיט זיינע פויסטלעך גענומען קלאַפּן אין יענעמס בויך, מיט אַלע כחות.

דער שטורעם־טרופּער האָט אים אַ שליידער געטאָן פון זיך און מאָטל איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טיש און זיך איבערגעקערט.

מיט פאַרדריקטע פויסטלעך האָט ער גערעדט מיט פּאַר־כאַפּטן אָטעם:

— וו־וו־אַרט, ווען איך וועל גרויס ווערן————

מער האָט ער ניט געקענט אַרויסרעדן.

מאָטלס טאַטע האָט אַרויסגענומען דאָס לעצט ביסל געלט, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג געשפּאָרט, און עס איבערגעגעבן די שטורעם־טרופּערס.

איינער פון די שטורעם־טרופּערס האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס געלט, זיך ווילד צעלאַכט און געזאָגט מיט שפּאָט:

— וואַרט, הינטישער ייד, מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיק מיט דיר.

ער איז צוגעגאַנגען צום צווייטן שטורעם־טרופּער און אים עפּעס שטיל איינגערוימט אין אויער אַריין. יענער איז אַרויס און באַלד צוריקגעקומען מיט אַן עמער פאַרב און אַ בערשטל.

— איצט, נעם דאָס בערשטל און שרייב אָן אפן פענצטער, וואָס איך וועל דיר זאָגן. שרייב:

„דאָ וואוינט אַ הינטישער ייד".

אלע זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אַן אומדערבאַרעמ־דיקע שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויערן.

— וואָס שטייסטו? — האָט אַ בייזע שטים געדונערט.

דער שטורעם־טרופּער איז צוגעגאַנגען, אַ כאַפּ געטאָן מאָטלס טאַטן באַם אַקסל, אים אַרויסגעשטופּט אין גאַס, צוגע־שלעפּט צום פענצטער און אים אריינגעשטופּט דאָס בערשטל אין האַנט.

דער טאַטע איז געווען ווי צעחושמט. דער שטורעם־טרופּער האָט געפירט מיט דעם טאַטנס האַנט מיטן בערשטל.

ביים פענצטער האָבן זיך אנגעזאַמלט אָנגעפּרעסענע, צעיושעטע דייטשן און חוזקדיק געלאַכט פון מאָטלס טאַטן.

די שטורעם־טרופּערס זיינען אַוועק און אים איבערגעלאָזט אַ ווילד חוזקדיק געלעכטער, וואָס האָט געגראַבלט איבערן האַרצן ווי מיט אייזערנע קעמלען.

דער טאַטע האָט מיט די לעצטע כחות זיך אריינגעשלעפּט אין שטוב.

קיינער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. מיט געבויגענע קעפּ איז מען געזעסן שטיל. די אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט. נאָר פאַר די אויגן האָבן געטאַנצט בוכשטאַבן, ווערטער ווי לצים:

„דאָ וואוינט אַ הינטישער ייד".

מאָטל איז געזעסן אַ פאַרקלעמטער, נאָר די פויסטן האָבן זיך ווי פון זיך אַליין געביילט:

— וואַרט, ווען איך וועל גרויס ווערן — — —



# אַ מעשה פון אַ מיידעלע וואָס איז געוואָרן אַ היטל צוקער

געווען אַמאָל אַ מיידעלע, געהייסן האָט זי שרה'לע. איז אַזוי איז זי געווען אַ מיידעלע ווי אַלע מיידעלעך: מיט אַ נעזל און צוויי צעפּלעך און אַ טאַטע־מאַמע מיט אַ לערער, מיט שפּילצייג און מיט ליאַלקעס, נאָר זי האָט געהאַט גרויסן אַפּעטיט צו נאַשערייען: שאָקאָלאַד און צוקערקעס און שטרודל און האָניג־לעקעך און מאַרציפּאַנעס. (איר האָט שוין אַמאָל געגעסן מאַרציפּאַנעס? אוי איז דאָס זיס, זיסער פון אַלע נאַשערייען אין דער וועלט). און מיט דעם איז זי טאַקע געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע מיידעלעך. אַזוי אַנדערש, אַז ס'איז פּשוט אַ בושה צו דערציילן, אָבער דעם אמת טאָר מען ניט באַהאַלטן.

אַז די מאַמע האָט גערופן שרה'לען עסן איז זי צוערשט ניט געגאַנגען און דערנאָך איז זי יאָ געגאַנגען און אַז די מאַמע האָט דערלאַנגט דאָס עסן, האָט זי ניט גענומען און געגעסן, ווי אַלע אַנדערע מיידעלעך, נאָר צוערשט אַ דריי געטאָן מיט'ן קעפּל, אַז ביידע צעפּלעך זיינען זיך צעלאָפן אין צוויי באַזונדערע וועגן און דערנאָך האָט זי אַרויסגעשטופּט די הינטערשטע ליפּ פאָראויס און דערנאָך איינגעקנייטשט דאָס פּנים ווי זי וואָלט געהאַט בויכווייטיק און דערנאָך האָט זי אַ מאַך געטאָן:

—פּ—פּ—פּ—ע!

דאָס האָט זיך איבערגע'חזר'ט דריי מאָל אַ טאָג. אינדער־פרי, בייטאָג און פאַרנאַכט.

אינדערפרי,ביים פרישטיק, האָט זי זיך געקרימט און געזאָגט:

— שוין ווידער קאַשע, שוין ווידער אַן איי און שוין ווידער מילך... פּ—פּ—פּ—ע! איך וויל צוקערקעס.

און בייטאָג, צום מיטיק, האָט זי זיך געקרימט און געזאָגט:

— שוין ווידער עוף, שוין ווידער מערעלעך, שוין ווידער פאַסאָליעס... פּ—פּ—פּ—ע! איך וויל צוקערקעס.

און פאַרנאַכט, ביי דער וועטשערע, האָט זי זיך געקרימט און געזאָגט:

— שוין ווידער קעז, שוין ווידער סמעטענע און שוין ווידער מילך... פ—פ—פ—ע! איך וויל צוקערקעס.

און אַזוי טאָג נאָך טאָג:

— איך וויל צוקערקעס. איך וויל שאָקאָלאַד. איך וויל שטרודל. איך וויל מאַרציפּאַנעס.

טענה'ט די מאַמע:

— אָבער מען קען דאָך ניט לעבן שטענדיק אויף נאַשע־רייען. אַ שרה'לע וואָס וויל וואַקסן און זיין געזונט און זיין שיין און זיין קלוג, דאַרף עסן פלייש און גרינסן און פּרוכט און טרינקען מילך.

און דער טאַטע טענה'ט:

— אַז דו וועסט לעבן בלויז אויף נאַשערייען, וועסטו איבערפּירן די ציין און איבערפּירן דעם מאָגן און זיין בלאַס און זיין שוואַך און ס'וועט פון דיר גאָרניט בלייבן, נאָר הויט און ביינער און צוויי צעפּלעך.

האָלט שרה'לע אויף אַ זייט דאָס קעפּל. דאַכט זיך, אַז זי הערט זיך צו און באַלד וועט זי אַ דריי טאָן דאָס קעפּל פון אויבן אַראָפּ אויף יאָ, אָבער זי איז דאָך עפּעס שרה'לע, גיט זי אַ דריי דאָס קעפּל פון לינקס אויף רעכטס און פון רעכטס אויף לינקס אויף ניין.

— איך וויל צוקערקעס.

און רעד היינט און רעד מאָרגן — שרה'לע בלייבט ביי אירס. זי וויל נאָר צוקערקעס.

טענה'ט די מאַמע:

— שרה'לע, דיין סוף וועט זיין זייער ניט קיין גוטער, זייער און זייער ניט קיין גוטער.

מאַכט שרה'לע:

— אַזוי! מיך אַרט ניט.

אָבער ווייזט אויס, אַז ס'אַרט זי יאָ, ווייל זי גיט באַלד אַ פרעג:

— וואָס אַשטייגער וועט זיין דער סוף, ע ?
און זי הערט זיך צו מיט איין אויער, און מיט איין אויג. דאָס צווייטע אויג איז פאַרזשמורעט.
זאָגט די מאַמע :
— דער סוף וועט זיין, אַז פון דיין עסן אַזוי פיל נאַשערייען, וועסטו זיך אָנשטאָפּן מיט אַזוי פיל זיסקייט, אַז אין איין שיינעם טאָג וועסטו ווערן אַ היטל צוקער.
שטעלט שרה׳לע אָן אירע גרויסע, ברוינע אויגן און פרעגט איבער :
— אַ הִיטל צוקער ! ?



מאַכט די מאַמע :
— יאָ, אַ היטל צוקער. וועסט ווערן איין גרויס שטיק צוקער. פון אונטן ברייט און פון אויבן שמאָל, מיט אַ שפּיץ. מען וועט דיך אריינגעמען אין אַ קראָם. דיך אַוועקשטעלן אויף אַ פּאָליצע. דערנאָך וועט קומען אַ קונה און וועט זאָגן : „גיט מיר אָט דאָס היטל צוקער. עס זעט אויס זייער זיסער צוקער. איך האָב היינט געסט און איך וויל באַקן אַ שטרודל. איך וועל עס צעקלאַפּן אויף קליינע שטיקלעך, דאָס צעשפּרייטן אויפ׳ן טייג און מיינע געסט וועלן זיך קוויקן מיט׳ן זיסקייט פון שטרודל״.
שרה׳לע איז אַזוי פאַרטראַכט, אַז זי זעט אַפילו ניט ווי דער מאַמע׳ס אויגן שמייכלען צום טאַטן און דער טאַטע שאָקלט צו מיט׳ן קאָפּ :
— יאָ, ס׳איז אַ מיאוס׳ע מעשה. ס׳וועט ווערן אויס שרה׳לע. פון שרה׳לע וועט ווערן אַ היטל צוקער און ווי וועט מען איר

געבן אַ באָד? אַז מען לייגט אריין צוקער אין וואַסער צעגייט ער דאָך, אוי, ס'אַ מיאוס'ע מעשה.

מיטאַמאָל גיט זיך שרה'לע אַ כאַפּ אויף פון איר פאַר־טראַכטקייט און גלייך ווי ס'וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען, גלייך ווי טאַטע־מאַמע וואָלטן גאָרניט געזאָגט, און גיט אַ קלאַפּ מיט'ן פיסל אויפ'ן דיל:

— און איך וויל צוקערקעס.

קוקן זיך טאַטע־מאַמע איבער און די אויגן רעדן.

דער מאַמע'ס אויגן זאָגן:

— נו, ווי געפעלט דיר אַזעלכעס? האָסט שוין געזען אַמאָל אַזאַ שרה'לע?

און דעם טאַטנ'ס אויגן זאָגן:

— דאָס איז ניט קיין שרה'לע, נאָר אַ צרה'לע...

זעט שרה'לע אַז קיין צוקערקעס גיט מען ניט, ווערט זי אין כעס און לויפט אַרויס אויפ'ן הויף און שטעלט זיך אַוועק אויפ'ן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג שניי.

ס'איז געווען אין רעכטן מיט'ן ווינטער און אַ גאַנצע נאַכט איז געפאַלן אַ שניי און די גאַנצע וועלט איז געוואָרן ווייס. די שטיבער. די גאַסן. די בוימער. אָבער דער שניי איז ניט מיד געוואָרן צו גיין. אפשר האָט ער זיך אָפּגערוט אַביסל פאַרטאָג. אָבער ווען מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי איז ער ווייטער געגאַנגען, געפאַלן און געפאַלן. און שרה'לע שטייט אויפ'ן באַרג פון שניי און לייכטע, פייכטע שנייעלעך פאַלן אויף אירע האָר, אויף אירע באַקן, ביז זי ווערט אַזוי ווייס, אַז זי זעט אויס ווי דער שניי־מענטש, וואָס שטייט פונקט אַנטקעגן איר און וואָס זי אַליין האָט טאַקע געמאַכט אינדערפרי.

די מאַמע רופט. דער טאַטע רופט. אָבער שרה'לע ענט־פערט ניט.

— שרה'לע, קום אַריין אין שטוב — בעט זיך די מאַמע.

— אַז דו וועסט מיר געבן צוקערקעס, וועל איך אַריינגיין — ענטפערט שרה'לע מיט ברוגז'ע ליפּן.

— וועסט פאַרפרוירן ווערן — בעט זיך דער טאַטע.

— מיך אַרט ניט — גיט שרה'לע אַ הויב מיט אַן אַקסל.

אָט אַזוי ביז טאַטע־מאַמע זיינען מיד געוואָרן פון רופן און זיי זיינען צוריק אריין אין שטוב. „אז זי וויל שטיין, זאָל זי שטיין, אונז אַרט ניט".

אַז טאַטע־מאַמע זיינען אַריין אין שטוב, האָט שוין שרה'לע אויך געוואָלט אַריינגיין, ווען מען טוט זי נאָך איין רוף, איין קליין רופעלע, וואָלט זי שוין געגאַנגען, ווייל אָט־אָט און מען וועט זי שוין פון שניי ניט אַרויסזען. אָבער שרה'לע איז דאָך איינגע'עקשנ'ט, זי וועט זיך ניט אונטערגעבן, אָ, ניין, ניט שרה'לע, זי וועט אַליין ניט אַריינגיין, אפילו ווען זי ווערט אַ שטיק אייז. איז זי געשטאַנען און געשטאַנען און דער שניי איז געפאַלן און געפאַלן און די נאַכט האָט געגעבן אַ קום אַן גאַר אומגעריכט און אַן אומעט האָט זיך געלייגט איבער'ן הויף און אויף די שויבן פון די פענצטער האָט זיך אָנגעצונדן אַ גאָלדענע ליכטיקייט און דאָס ליכטיקייט האָט זיך גערייצט מיט שרה'לען:

— שרה'לע, נאַרעלע, אינעווייניק איז וואַרעם אַ מחיה... און דו שטייסט און פרירסט און ציטערסט פון קעלט...

און שרה'לע האָט געזען אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק. אַז קיינער רופט ניט און קיינער בעט ניט, איז זי שטיל אַרונטער פון באַרג שניי. שטיל אַריין אין שטוב אַריין, שטיל אַריין אין בעט און שטיל אַנטשלאָפן געוואָרן...

מיטאַמאָל דערהערט שרה'לע ווי עמיצער רעדט לעבן איר בעט.

— נאַכט, שרה'לע איז שוין איינגעשלאָפן? — פרעגט דער שניי־מענטש.

— יאָ, שוין איינגעשלאָפן — ענטפערט די נאַכט.

— איך בין געקומען נעמען שרה'לען אין חלום־לאַנד.

* * *

אַ שניי קען דאָך ניט אייביק שנייען. ער מוז זיך דאָך אַמאָל אָפּרוען. איז אינמיטן נאַכט האָט דער שניי אויפגעהערט שנייען און אַז דער שניי האָט אויפגעהערט שנייען, האָט זיך דער ריז אָגלמאָגל אויפגעכאַפּט פון זיין טיפן שלאָף, אויפ'ן

העכסטן באַרג לעבן שטאָט, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי, אויסגעגליכן זיינע פאַרשלאָפענע ביינער און זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך, ביז ער האָט דערלאַנגט מיט זיין קאָפּ אין די וואָלקנס.

— ב־ר־ר־ר, אַ קעלט היינט, ב־ר־ר־ר, מען קען פאַר־פרוירן ווערן — האָט אָגלמאָגל אַ בורטשע געטאָן — מען דאַרף מיט עפּעס אָנוואַרעמען די פאַרפרוירענע ביינער. אפשר גאָר אויפקאָכן אַ טעפּעלע טיי. יאָ, די בעסטע זאַך איז אַ טע־פּעלע טיי.

און אָגלמאָגל גיט זיך אַ קוק אַרום און דערזעט אויפ'ן דאַך פון דער העכסטער הויז אין שטאָט, אפשר פון הונדערט שטאָק, שטייט אַ פאַס, וואו עס געפינט זיך וואַסער פאַר'ן גאַנצן הויז, פאַר טויזנטער מענטשן, און ניט געטראַכט קיין סך, גיט ער אַ שטעק אויס זיין ריזן־האַנט און מיט צוויי פינגער גיט ער אַ נעם די פאַס, באַטראַכט זי אַ ווײַלע און גיט אַ בורטשע:

— מילא, נו, מ'עט דאַרפן אויסטרינקען כאָטש אַזעלכע צען פעסלעך, ווייל איינס וועט זיין קוים צו באַנעצן דעם גומען.

ער הויבט אויף די אויגן צו אַ ווינקל פון הימל וואו עס רייסן זיך דורך רויטלעכע פאַסן און גיט אַ שמייכל:

— באַלד וועט זיין די זון, וועל איך אויפקאָכן די טיי.

און אַזוי שנעל ווי די זון באַווייזט זיך, הויבט אָגלמאָגל אויף די פאַס מיט וואַסער און האַלט זי איבער דער זון. איינס און צוויי און דאָס וואַסער האָט אויפגעקאָכט. אָגלמאָגל האָט פון ערגעץ אויפגעהויבן אַ הויפן פון געלע בלעטער און אַריינגעוואָרפן אין פאַס און זיך געריבן די הענט:

— נו, האָבן מיר שוין טיי, איצט פעלט נאָר איין זאַך: אַ שטיקל צוקער.

און אָגלמאָגל נעמט זיך אַרומקוקן און דערזעט ערגעץ אין אַ הויף שטייט עפּעס אַ זאַך, וואָס זעט אויס ווי אַ היטל צוקער, הינטן ברייט און אויבן שמאָל, מיט אַ שפּיץ. גיט ער אַ שטרעק אויס זיין ריזן־האַנט איבער די עטלעכע מייל ביז'ן הויף און גיט אַ נעם דאָס וואָס זעט אויס ווי אַ היטל צוקער און טראָגט עס צו צום מויל און גיט אַ לעק. יאָ, ס'איז טאַקע אַ היטל צוקער.

אַגלמאַגל באַטראַכט דאָס היטל צוקער פון אַלע זייטן. פון דער וואַרעמקייט פון זיין האַנט האָט דאָס היטל צוקער אָנגעהויבן צו שמעלצן. וואונדערט זיך אַגלמאַגל. וואָס איז דאָס פאַר אַ היטל צוקער, וואָס שמעלצט אין דער וואַרעמקייט ווי שניי. ער גיט אַ הויב מיט זיינע ריזן־אַקסלען. מאַלע וואָס, אפשר איז עס אַביסל פאַרשנייט פון אויבן. ס'איז דאָך געשטאַנען אין הויף און ס'איז געפאַלן אויף דעם שניי. און ער גיט אַ הויב זיין ריזן־האַנט און וויל עס אַריינוואַרפן אין דער טיי, אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס היטל צוקער האָט דערפילט די היץ פון דער טיי, האָט עס גענומען שרייען :

— עס ברענט, איך צעגיי ווי שניי, עס וועט באַלד פון מיר גאָרניט בלייבן. איך ווער קלענער און קלענער.

אַגלמאַגל האָט צעעפנט זיינע גרויסע אויגן און פאַרוואונדערט געקוקט אויפ'ן היטל צוקער אין זיין האַנט :

— וואָס געוואַלדעוועסטו דאָרטן ? דאָס ערשטע מאָל הער איך, אַז אַ היטל צוקער זאָל מאַכן טומל.

— לאָז מיך אָפּ. איך וויל אַהיים ! — שרייט דאָס היטל צוקער.

— איך קען ניט. איך מוז האָבן צוקער צו דער טיי — זאָגט אַגלמאַגל — איך מוז כאָטש אַביסל פאַרזיסן די טיי.

— איך בין ניט קיין היטל צוקער. איך בין שרה'לע — בעט זיך דאָס היטל צוקער.

— אויס שרה'לע, ביסט ניט מער שרה'לע. אַמאָל ביסטו געווען שרה'לע, איצט ביסטו אַ היטל צוקער. — טענה'ט דער ריז אַגלמאַגל — דו האָסט אַזוי פיל יאָרן זיך אָנגעשטאָפּט מיט זיסקייט. מעגסטו אַ צווייטן אויך געבן אַביסל. אין דער גאַנצער שטאָט איז ניטאָ קיין איין מיידעלע, וואָס זאָל זיין אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט זיסקייט ווי דו. האָסט צוגענומען דאָס גאַנצע זיסקייט און גאָרניט געלאָזט פאַר קיינעם.

— לאָז מיך אָפּ אַהיים, איך בעט דיך — בעט זיך דאָס היטל צוקער, וואָס איז אַמאָל געווען שרה'לע.

— אַ שיינע מעשה, זי בעט מיך. — לאַכט דער ריז — און אז טאַטע־מאַמע האָבן דיך געבעטן, האָסטו געפאָלגט ?

— איך וועל שוין פאָלגן, פאָלגן, וועסט זען, ריז טײערער, איך וועל שוין פאָלגן. איך וועל עסן וואָס מען וועט מיר געבן און קיין נאַשערײען וועל איך שוין קיינמאָל ניט בעטן, וועסט זען — קוקט אויף אים שרה'לע מיט בעטנדיקע אויגן.

— נו, נו, דאָס האָב איך ניט געזאָגט, אַ קינד דאַרף עסן אַמאָל אַ נאַשערײ, אַ שטיקעלע שאָקאָלאַד, אַ שטיקל לעקעך — זאָגט אָגלמאָגל — אָבער לעבן בלויז אויף נאַשערײען, דאָס טויג ניט, דאָס איז ניט געזונט.

— וועסטו מיך אָפּלאָזן אַהיים, אָגלמאָגל? אוי, ביזט אַזאַ גוטער. איך וועל שוין מער ניט זײן קיין נאַשערין.

— נו, גוט, איך וועל דיך אַרײנלײגן צוריק אין בעטל אַרײן און שלאָף אײַן גלײַך ס'וואָלט גאָרניט פּאַסירט. קיינער דאַרף ניט וויסן וואָס ס'האָט מיט דיר געטראָפן הײַנט בײַנאַכט. ס'אַ סוד צווישן אונדז.

און אָגלמאָגל האָט געגעבן אַ שטרעק אויס זײַן ריזן־האַנט און אַרײַנגעלײגט שרה'לען צוריק אין בעטל אַרײַן. זי אײַנגעדעקט און געזאָגט:

— שלאָף געזונט, שרה'לע.

שרה'לע האָט געוואָלט באַדאַנקען דעם ריז. אָבער ווען זי האָט געעפנט די אויגן האָט זי געזען, אַז ס'איז שוין טאָג און אין הויף שטייט דער שניי־מענטש און קוקט גלײַך אויף איר און זי איז געווען זיכער, אַז ער שמייכלט צו איר.

* * *

אַז טאַטע־מאַמע זײַנען אויפגעשטאַנען און אַרײַנגעקומען אין עס־צימער, האָבן זיי געטראָפן שרה'לען בײַם טיש און זי האָט געגעסן גאַנץ געשמאַק אַ קאַשע, וואָס זי האָט טאַקע אַליין אָפּגעקאָכט, און צוגעביסן מיט אַ שטיק ברויט מיט פּוטער און פּאַרטרונקען מיט אַ גלאָז מילך.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט, און אַז שרה'לע האָט זיי באַגריסט מיט אַ פרײלעכן גוט מאָרגן, האָבן זיי ביידע געענטפערט צוזאַמען:

— אַ גוט מאָרגן דיר שרה'לע, אַ גוט מאָרגן דיר גוט מיידעלע. איצט האָבן מיר אַ שרה'לע איז זי די בעסטע אין דער וועלט.

# דער קליינער יהונתן

עס איז געווען אַ הייסער סוף-זומערדיקער טאָג. די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און געבאַקן דאָס ייִדישע שטעטל מודיעין, וואָס איז זיך פֿרידלעך געלעגן אויף איינעם פֿון די בערג פֿון יהודה.

די פּויערים און לאַנד-אַרבעטער האָבן זיך איצט געפּונען אויף די פֿעלדער און אין די גערטנער, וואו זיי האָבן איינגע־זאַמלט דעם שניט — די פּרוכט פֿון אַ שווערן זומער אַרבעט.

אַרום די פּירעקיקע ווייסע שטיבלעך זיינען אַרומגעלאָפֿן קינדער און זיך געשפּילט.

פֿון ווייטן, אויף די רוקנס פֿון די בערג, האָבן זיך גע־קרויזלט גרויע וואָלקנס, אייניקע אַרויף, אייניקע אַראָפּ, אָבער אין דער אמתן האָט זיך בלויז געדאַכט, אַז דאָס זעט מען וואָלקנס, דאָס זיינען גאָר געווען שאָף און לעמער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפּאַשעט.

דער גאַנצער אַרום האָט אויסגעזען רואיק און פֿרידלעך.

די פֿרידלעכקייט און רואיקייט איז אָבער געווען אויסגע־שפּרייט בלויז אויף די הייזלעך, אויף די בערג — די פּויערים און לאַנד-אַרבעטער, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט געבויגענע רוקנס אויף די פֿעלדער, אין די גערטנער זיינען געווען אומ־רואיק.

זיי האָבן געוואוסט, אַז פֿון זייער מי און פּראַצע וועט ווייניק בלייבן פֿאַר זייערע פֿאַמיליעס, פֿאַר די פֿרויען און קינדער.

דער גריכישער קיניג אַנטיוכוס, דער הערשער איבער יהודה, האָט געמאַכט פֿון פֿרידלעכן לאַנד אַ טורמע. ער האָט געהערשט מיט אַ געפּאַנצערטער שטרענגער האַנט.

ער האָט אָנגעשטעלט שלעכטע, געלט-גייציקע מענטשן אַלס באַאַמטע און זיי האָבן רעגירט דאָס לאַנד ווי די אויפֿזעער פֿון טורמעס.

אנטיוכוס האָט צוגענומען ביי די יידן זייער פרייהייט. די יידישע זעלבסט־פּאַרוואַלטונג, די יידישע געזעצן האָט ער אָפּגעשאַפט. די אַלטע יידישע ריכטער און שטאַאַט־עלטסטע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש און זיי געמאַטערט צום טויט.

די גריכישע באַאַמטע האָבן לויט דעם ווילן פון זייער הערשער געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זיך פירן ווי גריכן.

דאָס פאָלק איז געווען פאַרביטערט און פאַרצאָרנט. אויף די פעלדער און גערטנער, ווען ס׳האָט ניט געזען דאָס אויג פון גריכישן עלטסטן, האָט מען בייז גערעדט, פונקט ווי איצט די פויערים אויפן פעלד לעבן מודיעין:

— אַלץ, אַלץ נעמט ער צו פון אונדז: פונעם ברויט פון פעלד נעמט ער צו אַ דריטל, פון די פרוכט פון די גערטנער נעמט ער אַ האַלב, קאָפּ־שטייער, זאַלץ־שטייער, און פון וואָס ניט?

— אונדזער מי און פראַצע פאַלט אַריין אין פרעמדע הענט, אין די הענט פון די וואָס שטראָפן אונדז.

— און דערצו האַלט מען אונדז נאָך ווי שקלאַפן.

— מען לאָזט אונדז ניט דינען אונדזער גאָט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון אַ האָרן. אַלע האָבן זיך אויסגעגלייכט און גענומען זוכן מיט די אויגן פון וואַנען דאָס שאַלן קומט. פון זייער ווייט אויף אַ הויכן פעלדז איז דאָס שאַלן געקומען. דאָרטן, איבער די שאָף און לעמער, איז געשטאַנען אַ קליין גרוי געשטאַלט און מיט אַלע כחות געבלאָזן אין האָרן.

דאָס שאַלן האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט און דאָס קליינע געשטאַלט האָט גענומען שוועבן אַרונטער, אַרונטער פון פעלדז.

— דאָס איז דער קליינער יהונתן.

— ער האָט מסתמא עפּעס געזען.

— שנעל, אין שטעטל אַריין, אַלע!

— וואַרפט די אַרבעט!

פון די פעלדער, פון די גערטנער האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אויפן מאַרק פון שטעטל מודיעין.

אַלע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם קליינעם יהונתן, וועלכער האָט פון די הויכע פעלדזן געהיט די וועגן וואָס האָבן געפירט פון ירושלים, און באַדאַרפט לאָזן וויסן צי דער שונא קומט.

אומרואיקע זיינען די יידן געשטאַנען אויפן מאַרק.

— וואָס נעמט אים אַזוי לאַנג ?

— וואָס פאַר אַ וויסטע נייס ברענגט ער איצט ?

אייניקע יידן האָבן גענומען בעטן צו גאָט :

— אוי, גאָט, לייז אונדז אויס פון בייזע הענט.

— אונדזער פרייהייט גיב אונדז צוריק.

באַלד איז דער צוועלף־יאָריקער יהונתן אָנגעלאָפן אַ מידער, אַ פאַרשוויצטער. ער האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. זיינע שיינע געקרויזטע האָר זיינען געווען צוגעקלעפּט צום שטערן, צו די באַקן, אַזוי פאַרשוויצט איז ער געווען. ער האָט געטראָגן אַ זאַק קלייד און אַ שטעקן צוויי מאָל אַזוי די גרויס ווי ער אַליין איז געווען.

אַלע זיינען אים באַפאַלן :

— וואָס האָסטו געזען ?

— זיי קומען. פון וויטן האָב איך געזען ווי ס'הויבט זיך אויף אַ שטויב אויפן וועג. דערנאָך האָב איך געזען די שפּיצן פון די לאַנגע שפּיזן. זיי קומען. זיי זיינען שוין באַלד ביי דער שטאָט.

אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מאַסע.

— אוי גאָט, ווי גרויס איז אונדזער בראָך ! — האָט איינער פאַרבראָכן די הענט.

— באַלד וועט קומען אונדזער סוף — האָט אַ צווייטער שווער אַרויסגעקרעכצט.

פון אונטער דעם באַרג האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכער מעליקער שטויב, ער האָט זיך דערנעענטערט. ס'האָבן זיך מיט אַ מאָל באַוויזן רייען סאָלדאַטן מיט לאַנגע שפּיזן און פאַנצערס, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט שטיקער זון און זיי צוריק־געוואָרפן אויפן מאַרק.

מיט אַ קוים באַהאַלטענעם צאָרן האָבן די יידן צוגעקוקט ווי עס דערנעענטערט זיך דער עלטסטער און הינטער אים די סאָלדאַטן.

מיט אַ מאָל האָט זיך איבער דער מאַסע באַוויזן דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטן שטאָלצן מאַן מיט אַ שיינער, ווייסער באָרד. לעבן אים זיינען געשטאַנען פינף העלדישע שלאַנקע יונגען.

— דער אַלטער מתתיהו דער חשמונאי מיט זיינע זין — האָט עמעצער מיט שטוינונג אַ ווייז געטאָן.

דער אַלטער האָט מיט אַ שטאָלצן בליק אַרומגענומען דעם עולם און אויפגעהויבן אַ האַנט.

אַלע זיינען שטיל געבליבן.

מתתיהו האָט אָנגעפאַנגען:

— יידן, דער רשע אנטיוכוס האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזער הויפּט-שטאָט ירושלים, ער האָט געראויבט, געצונדן, גענומען דאָס לעצטע פון די אָרעמע פאָלקס-מאַסן. פרויען און קינדער האָט ער געשמידט אין קייטן און זיי געפירט אויף די מאַרקן צו פאַרקויפן פאַר שקלאַפן. איצט האָט ער געשיקט זיינע סאָלדאַטן אַהער, אויך אונדז וויל ער פאַר שקלאַפן מאַכן.

דער עלטסטער פון די סאָלדאַטן האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד און באַפוילן די סאָלדאַטן זיך אַ וואָרף טאָן אויף דער מאַסע.

דער אַלטער מתתיהו האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שווערד פון זיין יינגסטן זון און אויסגעשריען:

— וויפיל יאָרן עס זיינען מיר פאַרבליבן צו לעבן, וועל איך אָפּגעבן צו קעמפן פאַר פרייהייט. דער וואָס וועט זיך אונטערגעבן דעם שונא וועט פאַלן פון מיין שווערד.

— לאָמיר זיך אונטערגעבן — האָט איינער אויסגעשריען — דער שונא איז שטאַרק און מיר זיינען אַ הייפעלע.

דער אַלטער האָט מיט פלינקע טריט, ווי אַ הירש, זיך אַ יאָג געטאָן צום פאַררעטער און אים דורכגעשטאָכן מיט זיין שווערד. דער עלטסטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט זיין לאַנגער שפּיז, האָט זיך דער אַלטער פלינק אַ דריי געטאָן



און מיט דער זעלבער שווערד, וואָס האָט געטויט דעם פאַר־רעטער, האָט ער דערשטאָכן דעם גריכישן עלטסטן.

* * *

מתתיהו מיט זיינע פינף העלדישע זין האָבן צונויפ־געזאַמלט אַלע מוטיקע און העלדישע יידן, וועלכע האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן אין שלאַכט פאַר פרייהייט איידער לעבן אין אונטערדריקונג.

פון אַ קליינער גרופּע רעבעלן איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע אַרמיי פון טויזנטער.

אין דעם שפּיץ פון דער אַרמיי איז געשטאַנען מתתיהוס עלטסטער זון, יהודה המכבי.

יהודה איז געווען יונג, שטאַרק און מוטיק. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר פרייהייט פאַר זיין פאָלק, אַז ער פלעגט זיך ניט אָפּשרעקן פאַר קיין געפאַר און מיט זיין בראַווקייט און העלדישקייט האָט ער אָנגעצונדן די הערצער פון די טויזנטער קעמפער.

גרויס העלדישקייט האָט יהודה׳ס אַרמיי באַוויזן. יעדע

גרופּע גריכישע סאָלדאַטן, וואָס פלעגט זיך נאָר באַווייזן אין די בערג פון יהודה, פלעגט גלייך פאַרניכט ווערן.

פון די שפּאַלטן פון די פעלדזן פלעגן זיי ווי אָדלער זיך אַ לאָז טאָן אויפן שונא.

דער קליינער יהונתן האָט זיך ווי שטענדיק אַרומגע־קלעטערט מיט זיינע שאָף און לעמער אויף די בערג און פעלדזן. גלייך ס׳וואָלט גאָר ניט פאָרגעקומען אין יהודה.

אָבער דער קליינער יהונתן, ווען ער פלעגט נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן דעם קאַמף פאַר פרייהייט, פלעגט סודות׳דיק שמייכ־לען. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז מער פון אַ פאַסטעך, אַז ער איז איינער פון די קעמפער פון יהודה המכבי׳ס אַרמיי — נאָר זיין אַרבעט איז אַן אַנדערע. ער ליגט זיך כלומרשט רואיק לעבן זיינע שאָף אָדער גייט אַרום מיט זיין לאַנגן שטעקן אויף די בערג און טרייבט כלומרשט צוזאַמען די שאָף, אָבער אין דער אמת׳ן נעמט ער אַרום מיט זיינע וויטזיכטיקע אויגן דעם גאַנצן אַרום און ווען ער זעט אַ גרופּע גריכישע סאָל־דאַטן, לאָזט ער גלייך וויסן יהודה׳ן וועגן דעם.

* * *

דער קיניג אנטיוכוס האָט ניט געקענט שלאָפן פון פאַר־דראָס, שאַנדע און ווייטיק — אַזאַ קליין הייפעלע יידן, קעגן אַזאַ גרויסן קיניג מיט אַזאַ אַרמיי! ס׳האָט אים ניט געלאָזט רוען.

און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ גרויסע אַרמיי אָנגעפירט פון קריגס־הויפטמאַן גאָרגיאַס און איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צום רעוואָלט אין יהודה.

גאָרגיאַס האָט געוואוסט, אַז די רעבעלן געפינען זיך אין דער שטאָט מצפה, ניט ווייט פון ירושלים, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אונטערדריקער, האָט ער אויפגעשטעלט דעם לאַגער פון זיין גרויסער אַרמיי ניט ווייט פון מצפה און מיט עטלעכע אָפּטיילונגען זיך אַרויסגעלאָזט קעגן די רעבעלן.

ניט ווייט פון גריכישן לאַגער האָט דער קליינער יהונתן געפּאַשעט זיינע שאָף. די שאָף האָבן געזוכט זאַפטיקע גרעזער אין די בערג־שפּאַלטן און יהונתן איז זיך געלעגן אויפן רוקן און געקוקט אויף די בערג, וואָס האָבן זיך געקייטלט אַרום



יהודה. אַזוי האָט זיך געדאַכט, אָבער אין דער אמתן האָט יהונתן געקוקט אין טאָל אַריין און געזען ווי גאַרגיאַסעס סאָלדאַטן שלאָגן אויף דעם לאַגער.

ער האָט געזען, אַז די צאָל סאָלדאַטן איז דאָס מאָל גרעסער ווי אַלע מאָל. ער האָט אויך געזען און פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גרייט מען דאָ צו. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז אויסגעפינען און וואָרענען וועגן דעם יהודה׳ן. אָבער ווי אַזוי געפינט מען אויס?

ער האָט געטראַכט: מען דאַרף צוואַרטן ביז עס וועט ווערן נאַכט.

אַזוי שנעל ווי דער טאָג איז אַוועק איז גלייך געקומען די נאַכט. אַזוי איז עס אין יהודה, קיין צווישן-טאָג-און-נאַכט איז ניטאָ. דער טאָג גייט אַוועק און די נאַכט קומט אָן.

יהונתן האָט זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט גענומען גנבענען צום שונא׳ס לאַגער.

קריכנדיק אויפן בויך שעהן לאַנג האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן צום געצעלט פון דעם עלטסטן פון דער אַרמיי.

ער האָט דערהערט טריט. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אַ גרופּע עלטסטע זיינען זיך צונויפגעקומען איןביידל.

דער קריגס-הויפטמאַן גאַרגיאַס האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן:

— מיר וועלן אַרויסלאָזן עטלעכע אָפּטיילונגען און אומ־געריכט באַפאַלן יהודה'ן מיט זיין יידישער אַרמיי.

יהונתן איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן. ווי אַזוי לאָזט מען עס וויסן יהודה'ן? מען וועט זיי באַפאַלן אומגעריכטער־הייט און זיי אויסקוילן ווי די לעמער.

קיין סיגנאַל קען מען ניט געבן. שאַלן דעם האָרן ביינאַכט, אָדער אָנצינדן אַ פאַקל — דאָס וועט דער שונא גלייך אויפכאַפּן.

מען דאַרף זיך לאָזן אין וועג אַריין. די נאַכט איז ניט לאַנג אָנגעקומען און אויב ער וועט קענען געפינען דעם וועג אין דער פינצטערניש און אָנזאָגן יהודהן וואו דער שונא איז — וועלן זיי זיך קענען ראַטעווען.

יהונתן האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. כדי צו פאַרקירצן דעם וועג איז ער געקראָכן איבער פעלדזן, איבער בערג, זיינע הענט און פיס האָבן געבלוטיקט, דאָס האַרץ האָט גע־קלאַפּט, נאָר צום אַרויסשפּרינגען.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן קיין מצפּה. דער וואַכמאַן ביים לאַגער האָט אים פאַרהאַלטן און ניט געוואָלט אַריינלאָזן. ס'איז געוואָרן אַ טומל. מיט אַ מאָל האָט זיך באַוויזן יהודה המכבי. ביים שיין פון פאַקל איז זיין פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַרצער באָרד, געווען ווי אַ שטיק פייער אין אַ שוואַרצער ראַם.

ער האָט דערזען דעם יינגל.

— קומט מיט מיר, יהונתן.

יהונתן האָט אים דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט.

* * *

אַ סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן. דער גאַנצער לאַגער האָט דערוואַכט.

יהודה האָט איינגעטיילט זיין אַרמיי אין קלענערע טיילן,



אויף יעדן אָפּטייל אַן עלטסטן. ער האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ.

די רעבעלן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

יהונתן האָט געפירט און יהודה מיט זיין אַרמיי איז נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען געגאַנגען דורך זייטיקע וועגן, וואו דעם שונא וואָלט גאָר ניט איינגעפאַלן צו זוכן.

* * *

פאַרטאָג. אַ זילבערנער פּאַס האָט געליכטיקט אויפן שטיק הימל, וואָס איז געהאַנגען איבער ירושלים. באַלד האָבן זיך באַוויזן פּורפּור פּאַסן — דער יונגער טאָג האָט זיך גענומען ביסלעכווייז עלטערן און מיט יעדער מינוט וואָס דער טאָג האָט זיך געעלטערט האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן אַלערליי שטיקער פאַרב.

גאָרגיאַס אַרמיי איז שוין געווען אויף און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין צו פאַרניכטן די יידן, די רעבעלן.

מיט אַ מאָל איז דער גאַנצער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ שאַלן און געשריי. פון די שפּאַלטן פון די פעלדזן, פון די רוקנס פון די בערג, פון די טאָלן, פעלדער און גערטנער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַן אַרמיי און מיט טריאומף־רופן באַפאַלן די גריכישע סאָלדאַטן.

דאָס פּלוצימדיקע דערשיינען פון די יידן האָט אַזוי צעטומלט די גריכישע אַרמיי, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן... זיי האָבן זיך כמעט ניט אַנטקעגנגעשטעלט, זיי זיינען געלאָפן אין אַלע זייטן.

די יידן האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געפּעק, עסנוואַרג, געווער און אַלץ וואָס דער שונא האָט געהאַט.

די יידישע קריגס־לייט, אָנגעפירט פון יהודהן, באַוואָפנט מיט נייע געווער און גענוג שפּייז, האָבן זיגרייך זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דער קליינער יהונתן מיט זיין לאַנגן שטעקן איז געשטאַ־נען צווישן די שאָף און מיט פרייד נאָכגעקוקט דער זיגרייכער אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר פרייהייט.

# אַ מיידל — אַ דריידל

די מעשה איז זיך פאַרלאָפן אין אַ שטעטל ניט ווייט פונעם בלויען האָדסאָן. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק, ווען אונדזער לאַנד איז געווען אין קריג.

אַוועק איז דער פרייער זומער, געקומען איז דער גאָלדע־נער האַרבסט און באַלד איז געקומען אַ שניי און ברוך הבא — דער ווינטער איז דאָ.

האָבן די קינדער פון דער יידישער שול אָנגעהויבן צו חלומען פונעם שיינעם יום־טוב חנוכה.

און אַז מען חלומט וועגן חנוכה, וועגן וואָס טראַכטן קינדער ? — וועגן לאַטקעס און חנוכה־געלט און — איר האָט געטראָפן, — דריידלעך.

און אַז דער יום־טוב חנוכה האָט זיך דערנעענט און די שול האָט זיך גענומען גרייטן צום קאָלירפולן חנוכה מאַסקן־באַל, האָבן די קינדער גענומען בעטן ביי די טאַטעס, מען זאָל זיי קויפן דריידלעך.

די קינדער האָבן געוואָלט האָבן די דריידלעך אַ וואָך־צוויי פאַר חנוכה, כדי זיי זאָלן קענען פראַקטיצירן מיט די דריידלעך, ווייל יעדן יאָר ביים חנוכה־באַל, האָט דער לערער דורכגעפירט אַ דריידל־קאָנטעסט און דער בעסטער דריידל־שפּילער, דער וואָס האָט געקענט אַ לאָז טאָן דאָס דריידל אַזוי קונציק, אַז עס זאָל זיך דרייען לענגער, ווי די אַנדערע דריידלעך, יענער האָט באַקומען אַ פּרייז.

און ביי דעם קאָנטעסט האָבן די שילער אַרויסגעוויזן אמתע קונצן.

עליע, אַ צען־יאָריקער יינגל מיט אַ קוטשמע שוואַרצע האָר וואָס זיינען זיך צעפאַלן איבערן שטערן און פאַרשטעלט זיינע אויגן און ער פלעגט זיי אַזוי קונציק אַרויפבלאָזן דורך אַריבערשפּאַרן די אונטערשטע ליפּ איבער דער אויבערשטער, האָט מיט דעם מיטלסטן און גראָבן פינגער אַ כאַפּ געטאָן דאָס

בלייענע דריידל ביים קעפל און עס אַזוי קונציק אַ דריי געטאָן, אַז דאָס דריידל האָט זיך געגעבן אַ וואַקל אַהין און אַהער און באַלד זיך אויסגעגלייכט און זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַזאַ שווינד־לענדיקער שנעלקייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דריידל שטייט אויף איין פּלאַץ און באַוועגט זיך ניט.

שמואליק האָט באַוויזן נאָך אַ שענערן קונץ. ער פלעגט אַ נעם טאָן דאָס דריידל ביים קעפל, איבערדרייען די האַנט איבערן טיש, געגעבן אַ דריי מיטן מיטלסטן און גראָבן פינגער, אַז דאָס דריידל האָט געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון די פינגער אויפן טיש, זיך אַ דריי געטאָן אויפן קעפל ווי אַ שיכור און באַלד זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַזש די קינדער האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

דער חנוכה מאַסקן־באַל איז געווען איינער פון די שענסטע פון יאָר. די קינדער פלעגן זיך פאַרשטעלן ווי די העלדן פון דער יידישער געשיכטע. מען האָט געשפּילט פאַרשיידענע שפּילן, געזונגען לידער און געטאַנצט און דערנאָך דורכגעפירט דעם דריידל־קאָנטעסט.

איז יעדן יאָר פאַר חנוכה פלעגן חברה שוין זען זיך באַזאָרגן מיט דריידלעך און זיך גרייטן צום קאָנטעסט.

אָבער אין יענעם יאָר, ווען די קינדער האָבן געוואָלט קויפן דריידלעך, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ס'איז ניטאָ קיין דריידלעך. חברה האָבן זיך אָנגעזעצט אויף די טאַטעס און די טאַטעס האָבן געענטפערט:

— שוין געווען אין אַלע יידישע בוך־געשעפטן, אָבער מען קריגט ניט קיין דריידלעך. ניטאָ און שוין.

זיינען זיי צוגעשטאַנען:

— וואָס הייסט ניטאָ קיין דריידלעך? וואָס פאַר אַ חנוכה וועט עס זיין אָן דריידלעך? אַז ס'איז דאָ אַ דריידל איז דאָ חנוכה — אָבער אָן אַ דריידל...

האָבן די טאַטעס געענטפערט:

— ס'איז מלחמה־צייט. אונדזער לאַנד איז אין קריג מיט די פאַשיסטן און דאָס בליי דאַרף האָבן די רעגירונג אויף קוילן.

אָבער חברה האָט ניט אָפּגעלאָזט. זיינען די טאַטעס גע־לאָפן צום לערער: וואָס טוט מען מיט דער חברה? זיי דערגייען די יאָרן.

זיצט דער לערער מיט די קינדער און מען רעדט וועגן די צוגרייטונגען צום חנוכה־באַל און חברה איז טרויעריק: וואָס פאַר אַ חנוכה וועט עס זיין, וואָס פאַר אַ חנוכה־באַל, אַז ס'איז ניטאָ קיין דריידלעך!

און דער לערער טענה'ט:

— ס'איז מלחמה. די רעגירונג דאַרף יעדעס שטיקל בליי. איר אַליין, חברה, האָט דאָך געזאַמלט שטיקלעך בליי פון די סיגאַרעט־שאַכטלעך פון אייערע טאַטעס. מילא נו, וועלן מיר הייַנטיקס יאָר אויסקומען אָן אַ דריידל.

מאַכט עליע:

— ס'טויג ניט. ניט גוט אָן אַ דריידל.

און שמואליק:

— אויך מיר אַ חנוכה אָן אַ דריידל!

און אַזוי ווי מען זיצט אַזוי פאַרזאָרגט, הויבט זיך אויף די קליינע צירל, די בעסטע, פלינקסטע טענצערין פון שול, גייט צו צום לערער און גיט אים אַ צי ביים רעקל. בייגט זיך דער לערער אַראָפּ צו איר און זי רעדט אים עפּעס אַריין אין אויער. דעם לערערס פּנים איז ערנסט, פאַרטראַכט, נאָר ווען ער הויבט אויף דעם קאָפּ, איז זיין פּנים שוין ניט ערנסט, עס באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף דעם, זיינע אויגן ווערן לעבעדיק, שטיפעריש ווי ביי אַ ייִנגל:

— נו, חברה, איז טרעפן מיר זיך ביים חנוכה־באַל שבת פאַרנאַכט און — אַז איר וועט שוין זיין דאָרטן, וועט איר האָבן אַ סורפּריז.

ווילן חברה אויסגעפינען וואָס־ווער־ווען, אָבער דער לע־רער שמייכלט און זאָגט:

— מ'עט שוין זען...

שבת פאַרנאַכט האָבן זיך אַלע שילער פאַרזאַמלט אין אַדיטאָריום פון שול. אַלע האָבן געטראָגן מאַסקן און אַלע זיינען געווען פאַרשטעלט, איינער ווי מתתיהו, אַ צווייטער ווי

יהודה המכבי, אויך די מיידלעך האָבן זיך פאַרקליידט ווי פאַר־שיידענע העלדן פון דער יידישער געשיכטע.

דער לערער האָט מיט דער חברה אָנגעפירט פאַרשיידענע שפּילן. מען האָט געזונגען. דערנאָך האָט אַ גרופּע קינדער דורכגעפירט אַ שפּיל „חנה מיט אירע זיבן זין", און דערנאָך, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד־באַלד וועט מען שוין דאַרפן אַהיימגיין און אָן אַ דריידל־שפּיל, איז דער לערער אַרויף אויף דער בינע און אויפגעהויבן די האַנט אַלס סיגנאַל, אַז אַלע זאָלן זיין שטיל. און אַז אַלע זיינען שטיל געוואָרן, האָט דער לערער פריילעך אויסגעשריען:

— און איצט וועלן מיר שפּילן דריידל. עס וועט גיין לויטן אלף־בית. פריער וועט אברהם אַ דריי טאָן דאָס דריידל, דערנאָך ברוך, דערנאָך גיטל און אַזוי ווייטער.

און מיט אַמאָל איז פינצטער געוואָרן און אַלע זיינען געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

איבער דער פינצטערניש האָט אַ פאַל געטאָן אַ פּאַס ליכט און אין זאַל האָט זיך געגעבן אַ דריי אַריין מיט שווינד־לענדיקער שנעלקייט אַ דריידל. דאָס דריידל האָט זיך געדרייט און געדרייט און מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט.

און חברה האָבן דערזען טאַקע אַן אמת דריידל. ניט קיין קליין בלייען דריידל, וואָס מען קען האַלטן אויף דער פלאַך פון דער האַנט, נאָר אַ גרויס דריידל, מיט פיר ווענטלעך, אויף וועלכע ס'זיינען אָפּגעדרוקט די פיר בוכשטאַבן נ. ג. ה. ש., וואָס מיינט „נס גדול היה שם" — אַ גרויסער וואונדער איז דאָרט געשען. נאָר אָנשטאָט אַ דריידל וואָס שטייט אויף איין פוס, איז דאָס דריידל געשטאַנען אויף צוויי פיס, און אָנשטאָט אַ פאַרשפּיציקט קעפּל, האָט דער דריידל געהאַט אַ קעפּל מיט צוויי אויערן און שוואַרצע האָר.

איידער חברה איז געקומען צו זיך, האָט דער לערער אויסגערופן:

— נו, אברהם, הייב אָן.

אברהם, פאַרשטעלט ווי אַ רוימער, איז צוגעגאַנגען ניט דרייסט, געוואָלט אָננעמען דאָס קעפּל פון דריידל, איז דאָס




אָבער געוועזן צו גרויס פאַר זיין קליינער האַנט, האָט ער עס לייכט אַ נעם געטאָן ביים אויער. און אַזוי שנעל ווי ער האָט עס אַ ריר געטאָן, האָט דאָס דריידל זיך אַ דריי געטאָן מיט געוואַלדיקער שנעלקייט, זיך געדרייט און געדרייט אַרום אין אַ קרייז, אַז ס'האָט אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגן.

אַז דאָס דריידל האָט זיך אָפגעשטעלט, איז צוגעקומען ברוך און אַ נעם געטאָן דאָס דריידל ביים אויער, און ווידער האָט זיך עס אַוועקגעלאָזט מיט אַ שווינדלדיקן געדריי.

און אָט אַזוי האָבן אַלע קינדער געשפילט דריידל.

און ווען דאָס לעצטע קינד איז צוגעגאַנגען און אַ דריי געטאָן דאָס דריידל, האָט דאָס דריידל זיך אַוועקגעלאָזט איבערן זאַל און דאָס ליכט האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעלאָשן אויף אַ ווייל און באַלד אָנגעצונדן, און ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַז דאָס דריידל איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַלע זיינע געשטאַנען מיט ברייטע צעעפנטע אויגן און מיילער.

דער לערער איז געשטאַנען אויף דער בינע און גע־שמייכלט מיט זיינע שטיפערישע אויגן. — — — — — — — — — —

אַלע קינדער זיינען אַוועק פון חנוכה מאַסקן־באַל פריילעך און צופרידן, וואָס זיי האָבן געשפילט דריידל, אָבער זיי האָבן

זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם וואונדערלעכן דריידל, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי פּלוצים באַוויזן און מיט אַמאָל אַזוי פּלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן.

און איין יינגל האָט אויסגעשריען:

— אפשר איז דאָס געווען אליהו הנביא?

אַ מיידל האָט געזאָגט:

— אפשר סינדערעלע?

ווער, דענקט איר, קינדער, איז דאָס געווען? ווער ס'וועט טרעפן וועט באַקומען פון מיר אַ דריידל.

# אין קיינעמס לאַנד

אין מיטן נאַכט האָט מען הערשלען פון טיפן שלאָף אויפגעוועקט. אַ שווערע האַנט האָט געדריקט אויף זיין אַקסל און אים געטרייסלט, ווי זי וואָלט געוואָלט פון אים דעם געשמאַקן שלאָף אַראָפּטרייסלען. ער האָט געוואָלט עפענען די אויגן און ניט געקענט, אונטער די אויגן־דעקלעך האָבן שפּילקעס געשטאָכן. ער האָט מיט ביידע פויסטן געריבן די אויגן, געזשמורעט, געזשמורעט און ביסלעכווייז זיי געעפנט.

אַ בייז געשריי האָט אים געקלאַפּט אין די אויערן:

— אויפשטיין! אויפשטיין, קליינער טייוול!

אין די אויגן האָט אים אַ בלענד געטאָן אַ שוואַרצע סוואַס־טיקע אויף אַ ווייס רעדל. אַ בייז בולדאָג־פּנים מיט שאַרפע, שטעכיקע אויגן האָט געקוקט אויף אים פון דער טונקלקייט פון דער נאַכט.

דער צעניאָריקער הערשל האָט זיך אויפגעזעצט און זיך אַרומגעקוקט אַ דערשראָקענער ווי אין אַ בייזן חלום.

ער זעט דעם טאַטן, די מאַמע, ביידע זיינען שטום. זיי רירן זיך פון אָרט ניט, ווי זיי וואָלטן פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייערע ערטער. זייערע אויגן שרייען פון שרעק. דאָס צווייאָריקע שוועסטערל, שרהלע האָט זיך מיט ביידע פויסטלעך איינגעגראָבן אין דער מאַמעס קלייד און די צעשראָקענע אייגע־לעך זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן.

דער זייגער קלינגט אָפּ מיט שרעק אין דער נאַכט:

— איינס... צוויי... דריי... פיר...

הערשעלען כאַפּט אַרום אַ קעלט. ער ציטערט אויף.

דער טאַטע קומט דער ערשטער צו זיך. מיט אַ פאַר־שטיקט קול זאָגט ער צערטלעך:

— קום, הערשעלע, טו דיך אָן, מען טרייבט אונדז אַרויס פון דאַנען... מען וויל אונדז דאָ ניט...

פּאַסן ליכט, ווי לאַנגע, שאַרפע מעסערס, שניידן די פינצ־טערניש ביי די פענצטער. עס הערן זיך געשרייען.

עמיצער פּראַלט אויף די טיר. עס רייסן זיך אַריין צוויי שטורעם־טרופּערס:

— שנעלער, שנעלער, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען! מיר ווילן אייך דאָ ניט האָבן, גייט אייך, גייט אייך קיין ירושלים, קיין פּוילן — שרייט איינער.

— אפילו צום טייוול, אַבי גייט — צעלאַכט זיך דער צווייטער און נעמט אונטערשטופּן דעם טאַטן.

דער טאַטע האָט זיך אַ ריר געטאָן פון פּלאַץ, ער איז צוגעגאַנגען צו הערשלען, אים גענומען ביי דער האַנט און שטיל געזאָגט אין דער פּאַרטאָגיקער טונקלקייט:

— קומט.

די מאַמע האָט אָנגענומען שרהלען ביים הענטל, שטום באַטראַכט די שטוב און מיט אַ פאַרשטיקט געוויין זיך געלאָזט צו דער טיר.

אין דער פּאַרטאָגיקער, געדיכטער פינצטערניש האָבן אויפגעבליט דאָ און דאָרטן לאַנגע, שאַרפע פּאַסן ליכט. די פּאַרטאָגיקע קעלט האָט זיי געגעבן אַ נעם אַרום. די גאַס איז געווען פול מיט אַרויסגעטריבענע יידן. עפּעס אַ ווילדער געמיש פון מענער, פרויען, קינדער, אַלטע, בלינדע, לאַמע. מען האָט געטראָגן קלומקעס, קעסטלעך, פּעקלעך. אַ סך זיינען געווען האַלב נאַקעט. מאַמעס האָבן גערופן זייערע קינדער, קינדער האָבן געוויינט נאָך זייערע מאַמעס.

מיט יעדער הויז, מיט יעדער גאַס האָט זיך פאַרמערט די צאָל אַרויסגעטריבענע יידן. מען האָט זיי געיאָגט פון די הייזער, פון די זייטיקע גאַסן. אַלטע פון מושב זקנים׳ס, קראַנקע פון די שפּיטאָלן, קינדער פון יתומים־הייזער — וואו נאָר אַ ייד, האָט מען אים געבראַכט צושלעפּן...

און ווען דער מאָרגן האָט דורכגעריסן די נאַכט און דער ערשטער זילבער־פּאַס האָט זיך באַוויזן, האָט ער געזען ווי אַלע אָנגעיאָגטע יידן זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ גרויסן הויף,

לעבן וואקזאַל, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט באַנען מיט לאַנגע שורות פראַכט־וואַגאָנען.

הערשל איז געשטאַנען לעבן טאַטן. די מאַמע האָט גע־האַלטן אויף די הענט שרהלען, ווייל זי האָט שוין קיין כח ניט געהאַט צו שטיין. אַלע זיינען געווען פאַרמאַטערט. אונטער די אויגן אָנגעשוואָלענע קישעלעך פון איבערגעריסענעם שלאָף, פון וויינען. אין די אויגן אַזוי פיל פיין. די קינדער האָבן שוין ניט געקענט וויינען. די אַלטע האָבן שוין ניט געקענט קרעכצן. די ליפּן פאַרטרוקנט. די הערצער פאַרקלעמט.

עס האָבן זיך דערהערט געשרייען און מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ געדרענג. הערשלען איז ענג געוואָרן. מען האָט אים געשטופּט און געוואָרפן. ער האָט זיך געקלאַמערט מיט אַלע זיינע כחות אין די אַרומיקע, מען זאָל אים ניט אומוואַרפן און צעטרעטן.

ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— טאַטע! מאַמע!

צוערשט האָט אים געענטפערט דער טאַטע, דערנאָך די מאַמע, דערנאָך האָט שוין קיינער ניט געענטפערט. די געשרייען פון די טויזנטער האָבן אים אַריבערגעשריען.



ער האָט זיך מיט אַמאָל געפֿינען איז אַ וואַגאָן אָן פֿענצטער, נאָר העט־העט אויבן ביים דאַך, עפּעס קליינע פֿענצטערלעך אָן שויבן, נאָר מיט אייזערנע גראַטעס. ער האָט עפּעס געהערט ווי מען רעדט, אַז אין די וואַגאָנען פֿירט מען פֿערד, ניט מער ווי אַכט, אָדער מען פֿירט דאָרטן 40 סאָלדאַטן, אָבער איצט זיינען דאָ געווען אפשר מער ווי הונדערט מענטשן. מען איז געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט, מיט גרויס שוועריקייטן האָבן זיך אייניקע אַוועקגעזעצט, אָבער זיי האָבן זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן. מען איז געווען איינגעקלעמערט איינער אין צווייטן, זיך ניט געקענט אַ דריי טאָן.

הערשל האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן און זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דעם טאַטן, די מאַמען און שרהלען. ער האָט זיך געוואָלט לאָזן צו דער טיר, האָט זיך די טיר פּונקט דאַן פֿאַרהאַקט. ער האָט גענומען שרייען:

— טאַטע! מאַמע!

זיין געשריי איז פֿאַרטרונקען געוואָרן צווישן די געשרייען פֿון טאַטעס און מאַמעס, וועלכע האָבן גערופֿן זייערע קינדער, און קינדער, וועלכע האָבן גערופֿן זייערע טאַטעס און מאַמעס.

אַ צענויפֿגעדריקטער אין ווינקל איז ער געזעסן און געוויינט. אָבער ער איז ניט געווען דער איינציקער, נאָך קינדער האָבן געוויינט און צום ערשטן מאָל אין זיין יונג לעבן האָט ער געזען ווי גרויסע מענטשן, אַלטע לייט וויינען.

ער איז געווען הונגעריק, אָבער ס'איז ניט געווען די מאַמע, ס'איז ניט געווען דער טאַטע, איז ניט געווען ווער צו בעטן עסן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט די באַן אויפֿגעהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן, די רעדער האָבן גענומען סקריפּן און מיט אַ מאָל האָט זי זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און מיט געשרייען און זידלערייען האָט מען אַלעמען אַרויסגעטריבן פֿון וואַגאָן.

אויף אַ גרויסן פּוסטן פֿעלד זיינען געשטאַנען אַ סך באַנען און פֿון אַלע זייטן האָט מען געטריבן יידן. גרויסע פּראָזשעקטאָרן האָבן באַלויכטן דאָס פֿעלד, אָנגעפּילט מיט טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער.

פייפעלעך צעגרילצן זיך בייז. דאָס גרויסע פעלד ווערט פול מיט שטילקייט. אַ בייזע שטים שניידט ווי מיט אַ בייטש:

— אַט דאָרטן ניט ווייט איז די פּוילישע גרענעץ, אַהין גייט. דייטשלאַנד וויל אייך מער ניט האָבן. איר האָט פאַר־פעסטעט אונדזער לאַנד. גייט! דער וואָס וועט זיך אומקערן וועט דערשאָסן ווערן ווי אַ הונט. מאַרש!

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פּוילישער גרענעץ. הערשל איז געלאָפן גלייך מיט אַלעמען. כאָטש ער האָט ניט געהאַט מיט זיך טאַטע־מאַמע, האָט ער אָבער געפילט, אַז ער איז איינער פון די טויזנטער יידן און וואָס זיי טוען, דאַרף ער אויך טאָן, און וואו זיי גייען דאַרף ער אויך גיין, איז ער געלאָפן מיט די לעצטע כחות.

דער עולם האָט מיט די קעפּ פאָראויס געשניטן די פינצ־טערניש. ס'האָט זיך באַוויזן ליכט. די פּוילישע גרענעץ. מען וויל זיך אָפּשטעלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אַ פּוילישער סאָלדאַט שיסט אויס אין דער לופטן:

— צוריק! צוריק — טראָגט זיך זיין געשריי איבער זייערע קעפּ — גייט צוריק פון וואַנען איר זייט געקומען!

מידע, אָן כחות, אָן אַ ביסל האָפענונג, האָט זיך די מאַסע אויסגעדרייט אויף צוריק. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט אויס־געלאָשענע אויגן און אויסגעשעפּטע כחות איז מען געגאַנגען צוריק.

לאַנג האָט מען זיך געשלעפּט און אַז מען האָט זיך דער־נענט צום אָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען די ליידיקע וואַגאָנען, האָבן זיי דערזען אַ גרויסע וואַנט פון בליציקע באַיאָנעטן און מיילער פון מאַשין־ביקסן.

— צוריק! — האָט זיך דערהערט אַ חוזקדיק געלעכטער, וואָס האָט געשניטן ווי די נאַצישע בייטשן.

— וואוהין זאָלן מיר גיין?

— אין קיינעמסלאַנד.

קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט.

ווידער האָט מען זיך אומגעקערט צוריק. אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג —



אינמיטן דער פינצטערניש האָט זיך איינער נאָכן צווייטן אַראָפּגעלאָזט אויפן נאַקעטן פעלד. מען איז אַוועקגעפאַלן וואו מען איז געשטאַנען און צוגעפאַלן צו דער קאַלטער פרעמדער ערד.

אַ ווינט איז אָנגעלאָפן פון ערגעץ און זיך צעווײנט אין מיטן דער נאַכט.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ שפּיזלדיקער רעגן. דער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים אַריין, זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט.

מען האָט זיך געטוליעט איינער צום צווייטן ווי שאָף אין אַ שטורעם אין מיטן פעלד.

הערשל האָט זיך איינגעדרייט, איינגעקנוילט, מיטן קאָפּ געוואָלט פאַרשטעלן דעם קערפּער פון רעגן, אָבער דער רעגן האָט אים געוואַשן פון אַלע זייטן.

קרעכצן האָבן געשניטן די נאַכט.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט עס אונדז? — האָט אַן אַלטיטשקער געהאַלטן אין איבערחזרן.

— אוי גאָט! זע אונדזער פּיין! — האָט עמיצער טרויעריק געזונגען אַ געבעט.

הערשל האָט געטראַכט פון זיינע פאַרלוירענע טאַטע־מאַמע, פון שרהלען.

אַלע זיינען איצט הונגעריק און מיד און נאַס פון רעגן און היימלאָז און פאַר וואָס האָט פריץ און האַנס אַ היים, אַ לאַנד, און מיר אַלע זיינען אין קיינעמס לאַנד ? פאַרוואָס ?

פאַרטאָג איז הערשל איינגעשלאָפן — און דער חלום איז געקומען אין קיינעמס לאַנד — און הערשל איז מער ניט היימלאָז — ער איז צוריק אין דער היים. דער טאַטע זיצט ביים טיש און שפילט שאַך מיטן שכן. פון קיך הערט זיך דאָס מילדע געבראַזג פון געפעס. די מאַמע וואַשט דאָס געשיר פון דער וועטשערע. הערשל שפילט זיך מיט שרהלען. עס לויפן אַריין זיינע חברים און רופן אים :

— הערשל, ווילסט זיך גיין שפילן ? —



# בערל אַזוי־און־אַזוי

איין געווען אַמאָל אַ יינגל האָט ער געהייסן בערל, האָט מען אים גערופן בערל־אַזוי־און־אַזוי.

פאַרוואָס האָט מען אים גערופן בערל־אַזוי־און־אַזוי? ווייל ער האָט געהאַט אַ טבע, אַז ווען מען האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער באַלד אָנגעהויבן: אַזוי און אַזוי.

האָט אים די מאַמע געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו היינט געקומען שפּעט פון שול?

האָט ער אָנגעהויבן:

— אַזוי און אַזוי. אַהיים געגאַנגען בין איך גראָד פרי, נאָר אויפן וועג האָט מיט מיר פּאַסירט אַזוי און אַזוי...

און ס'איז אַוועק אַזאַ לאַנגע מעשה, אַזוי אַז ווען ער איז געקומען צום מיטן האָט ער פאַרגעסן דעם אָנהויב און אַז ס'איז געקומען צום סוף, האָט ער פאַרגעסן דעם מיטן.

דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל די מעשׂות זיינען געווען אויסגעטראַכטע — נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע.

האָט פּאַסירט איין מאָל אַזאַ זאַך:

ערבֿ פּסח נעמט דער טאַטע מיט דער מאַמען און גייען אַוועק מיט בערלען אין אַ גרויסער, שיינער קראָם און פּוצן אים אויס אין אַ נייעם אָנצוג, נייע שיך און אַ ניי היטל.

און דער טאַטע זאָגט צו בערלען מיט אַ פינגער ביי דער נאָז:

— געדענק־זשע, בערל, מאָרגן וועסטו זיך אויספּוצן אין די אַלע שיינע, נייע זאַכן, איך האָב גענוג געאַרבעט אויף דעם, זיי זשע פאָרזיכטיק, פאַרשמיר ניט און צערייס ניט —

און די מאַמע פאַרענדיקט:

— ווי דו האָסט געטאָן מיט דיין לעצטן אָנצוג —

לאָזט ניט בערל ענדיקן און גיט זיך גלייך אַ כאַפּ:

— ס'אַ משל! מיט יענעם אָנצוג איז געווען אַזוי און אַזוי, איך בין גראָד געגאַנגען —

האָט אים דער טאַטע אָפּגעשטעלט:

— גענוג שוין מיט אַזוי־און־אַזוי. אַ ייִנגל דאַרף ניט רעדן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע מעשות.

אויף מאָרגן, פּסח, איז געקומען אין שטאָט אַריין אַ שיינער, זוניקער טאָג, אַזש די גאַסן האָבן געזונגען פון פרייד. די זון האָט צעשמאָלצן דאָס לעצטע ביסל שניי און בלאָטקעלעך האָבן געגלאַנצט אויף אַלע גאַסן.

ווער בערל־אַזוי־און־אַזוי גייט זיך אַוועקזעצן אין הויז מיטן נייעם אָנצוג, מיט די נייע שיך, מיטן נייעם היטל? האָט מען אים שוין טאַקע אַ גאַנצן טאָג ניט אָנגעזען אין שטוב. עפּעס איין מאָל האָט ער זיך יאָ געגעבן אַ כאַפּ אַריין, געגעבן אַ זאָג: „מאַ־מע, ע־סן" און — שוין ניטאָ. די מאַמע האָט אים אַפילו רעכט ניט אָנגעקוקט.

שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך שטיל אַריינגעכאַפּט אין הויז און גלייך אין בעט אַריין.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען דער טאַטע איז אַריין צו בערלען אין שלאָף־צימער און דערזען בערלס נייעם אָנצוג, מיט די שיך, מיטן היטל, איז ער געבליבן שטיין אַ שטאַרק פאַרוואונדערטער מיט ברייטע, אָפענע אויגן און אַ ווײַלע איז ער געווען ווי שטום, אַ וואָרט ניט געקענט אויסרעדן.

ער איז באַלד געקומען צו זיך און אַריינגעשריִען אין קיך אַריין:

— גיטל, גיטל, זע וואָס דיין תכשיט האָט אָפּגעטאָן.

איז די מאַמע אַ צעשראָקענע געקומען צולויפן און גע־וואָלט אַ געשריי טאָן: „אוי, אַ בראָך, וואָס איז געשען?" אָבער זי האָט שוין ניט באַדאַרפט פרעגן, ווייל בערלס טאַטע האָט געהאַלטן אין איין האַנט די צעריסענע, צעפליקטע הייזלעך, אין דער צווייטער דאָס פאַרשמירטע צעקנייטשטע רעקל; פון די פינגער פון איין האַנט האָט אַראָפּגעהאַנגען דאָס צעדרייטע היטל, פון די פינגער פון דער צווייטער האַנט — די פאַר־בלאָטיקטע שיך. ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף די אַלע זאַכן.



אַז בערל האָט געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט די אַלע זאַכן אין די הענט און אויף דער מאַמען מיט די אָפענע, ברייטע אויגן, האָט ער זיך אַפילו אויף אַ סעקונדע ניט פאַרלוירן און גלייך אָנגעהויבן:

— אַזוי און אַזוי...

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט צווי פרעג־צייכנס אין די אויגן, ווי איינער זאָגט: „אַהאַ, ער הויבט שוין אָן! וואָס דענקסטו צו טאָן?" אָבער אַז די מאַמע האָט געזען, אַז דעם טאַטנס אויגן שמייכלען, האָבן אירע ליפּן אויך גענומען שמייכלען, אָבער אַזוי פאַמעלעך, אַז מען זאָל קוים־קוים אָנזען.

און בערל־אַזוי־און־אַזוי האָט גענומען דערציילן:

— אַזוי און אַזוי... נעכטן בין איך אַהיים געקומען זייער פרי און גלייך געגאַנגען שלאָפן, כאָטש ס'איז נאָך געווען ליכטיק אין דרויסן. טו איך זיך אויס און לייג אַוועק אַלץ אויף אַן אָרט, אַלץ אין אָרדענונג און לייג זיך אין בעט אַריין.

— האָבן זיך די הייזלעך און דאָס רעקל און די שיך און דאָס היטל געפילט זייער עלנט, אַליין אין אַ פרעמד הויז, דאָס ערשטע מאָל, האָבן זיי זיך פאַרבענקט נאָך דעם פלאַץ פון וואַנען זיי זיינען געקומען. איז ניט געטראַכט קיין סך און גע־נומען און אַוועק.

— אַרונטער אין גאַס, האָבן זיי דערזען פאַרבייפאָרן אַ טראָק (אַ לאַסט־אויטאָ), טראַכטן זיי ניט קיין סך, כאַפּן זיך אַרויף פון הינטן און — הײדאַ, אַ ביסל זיך דורכפאָרן. אַ בלאָטע אין גאַס איז דאָך געווען נעכטן, איר ווייסט דאָך. נו, נו, האָבן זיי זיך פאַרשפּריצט מיט בלאָטע פון די שיך ביזן היטל.

— אַז דער שאָפער האָט זיי דערזען, האָט ער זיי אַרונטער־געטריבן.

— זיינען זיי אַריין אין אַ הויף, האָבן זיי דערזען אַ הונט. פריילעך און אויפגעלייגט זיינען זיי געווען פון דער רייזע, האָבן זיי זיך גענומען רייצן מיטן הונט. וועט דער הונט שווייגן? האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויף זיי...

— וועלן זיי זיצן און וואַרטן ביז ער וועט זיך איין זיי איינ־בייסן מיט זיינע שאַרפע ציינער? האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן און דער הונט נאָך זיי. שטייט זיי אָבער אין וועג אַ פּלויט, אַ הויכער פלויט מיט שפּיציקע שטעכערס פון אויבן, אָבער קיין צייט צו טראַכטן איז ניטאָ, איז — אַ שפּרונג, אַ האָפּ און גלייך אויפן פלויט.

— נו, נו, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן! זיינען זיי געבליבן הענגען אויף די שפּיצן מיטן רעקל און מיטן אויבערשטן טייל פון די הויזן, און דער הונט האָט געגעבן אַ שפּרונג אונטער און זיך אַריינגעביסן מיט זיינע שאַרפע ציינער אין דער הינטער־שטער טייל פון די הויזן.

— קוים־קוים מיט צרות האָבן זיי זיך באַפרייט פון הונטס ציינער און פון פלויטס שפּיצן.

— פאַרשעמטע און דערשלאָגענע האָבן זיי זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין צימער און אָט אַזוי האָסטו, טאַטע, זיי געפונען.

גיט דער טאַטע אַ וואָרף אַ פאַרגנבטע שמייכל צו דער מאַמען און בערלען גיט ער אַ פרעג:

— איז וואָס־זשע טוט מען איצט? דענקסטו ניט, אַז מען דאַרף אַזעלכע חברה באַשטראָפן, זיי געבן אַ לעקציע, אַז זיי זאָלן פאַרזאָגן אַ צענטן, האַ?

מאַכט בערל אַזוי און אַזוי און ער זעט ווי דעם טאַטנס אויגן שמייכלען:

— אַוודאי, אַוודאי דאַרף מען זיי באַשטראָפן. וואָס דען, שווייגן וועט מען זיי?

— איז וואָס־זשע, אַ שטייגער, בערעלע, פאַר אַ שטראָף גיט מען זיי?

מאַכט בערל:

— שמיץ. מען דאַרף זיי גוט אָנשמייסן, וועלן זיי וויסן אַ צווייט מאָל, אַזעלכע —

— גערעכט — מאַכט דער טאַטע — גערעכט, בערל, ביסט אַ קלוגער יינגל.

און דער טאַטע נעמט שוין די צעריסענע הייזלעך און לייגט זיי אַוועק אויפן שויס און הויבט אויף אַ האַנט אויף צו שמייסן.

אָבער די האַנט בלייבט הענגען אין דער לופט.

— אפשר, בערל — מאַכט דער טאַטע — וואָלסטו מיר געהאָלפן צוהאַלטן די הייזלעך, זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן, ווען איך וועל זיי שמייסן.

גיט בערל אַ שפּרונג אַרונטער פון בעט און כאַפּט אָן די הויזן פון אונטן. דערזעט דער טאַטע, אַז זיין לייב איז צעדראַפּעט.

לאָזט דער טאַטע אַרונטער די האַנט און שטעלט אָן אַ פינגער אויף בערלען און פרעגט מיט אַ שמייכל:

— אפשר, בערל, וועסטו אַזוי גוט זיין דערציילן פון וואָס איז דיין לייב אַזוי צעריסן? איז דיין הויט אויך געווען אין די הייזלעך און אין רעקל און אין די שיך און אין היטל ווען די מעשה האָט פּאַסירט?

און דער טאַטע קוקט אויף בערלען מיט אַזעלכע קלוגע שמייכלענדיקע אויגן, אַז בערל פאַרשטייט שוין, אַז דער טאַטע ווייסט אַלץ, מאַכט ער שוין:

— צו וואָס לייקענען, איך בין טאַקע אויך געווען אין זיי, איך טאַקע אין גאַנצן, ניט בלויז מיין הויט.

— אויב אַזוי — מאַכט דער טאַטע — אויב דו ביסט געווען אין זיי ווען די גאַנצע מעשה האָט פּאַסירט, וועסטו שוין אויך זיין אין זיי, ווען איך וועל זיי שמייסן...



# אין דער וואַרשעווער געטאָ

ס׳איז אומעטיק אין הויז. די פענצטער זיינען פאַר־האַנגען מיט אַלטע ווינטער־מאַנטלען, אַז קיין שיין זאָל זיך ניט דורכרייסן דורך זיי. די שוועסטער גרייט צום טיש. זי לייגט אויס די גאָפּלען, מעסער, לעפל. פון אויבן אָן שטעלט זי אַוועק אַ גרויסן טעלער מיט מצות, פאַרדעקט מיט אַ שיין אויסגענייט טיכל.

דער זיידע שטייט אין אַ ווינקל, מורמלט עפּעס מיט די ליפּן, שאָקלט זיך און לאָזט אַלעמאָל אַרויס אַ טיפן זיפץ, וואָס גיט אַ ריס אין האַרצן. יעדע וויילע כאַפּט ער אַ קוק צו דער טיר, ווי ער וואָלט עמעצן דערוואַרט.

די מאַמע קומט אַלע וויילע אַריין פון קיך מיט אַן אַנדער טעלער, וואָס פאַרשמעקט דאָס הויז מיט אַ געשמאַקן ריח.

קיינער רעדט ניט. עפּעס ווי אַלע וואָלטן געווען ברוגז איינער מיטן אַנדערן.

דער צען־יאָריקער ישראל האַלט אַן אַלטע הגדה אין האַנט. ער קוקט אויף די בילדער. אָט איז דער פּאַלאַץ פון שלעכטן קעניג פּרעה. ער זיצט אויף אַ הויכן טראָן. משה און זיין ברודער אהרן שטייען פאַר אים און בעטן, אַז ער זאָל באַפרייען די יידן.

די הגדה איז אַן אַלטע, די בילדער זיינען אָפּגעריבן, די בלעטלעך זיינען צעריסן. אין הויז איז טונקל. די דייטשן האָבן אָפּגעשניטן די עלעקטריע. די צוויי ליכט אין די מעשענע לייכטער וואַרפן אַ טונקעלן שיין. עס שניידן ישראלן די אויגן פון קוקן אין דער הגדה.

ער הויבט אויף די אויגן — די ווענט זיינען באַדעקט מיט שאָטנס. אומעטיקע שאָטנס. דעם זיידנס שאָטן, אויף דער וואַנט, איז אַזוי גרויס, אַז זיין קאָפּ איז אַזש אויף דער סטעליע, און ער זעט אויס ווי ער וואָלט אַרונטערגעהאַנגען פון זיידנס אַקסלען.

אַלע אין הויז טראָגן אָרעם־בענדער אויף די הענט. געלע בענדער מיט שוואַרצע מגן־דודס. אויך ער, ישראל, טראָגט אַ מגן־דוד. ער דערמאָנט זיך: איין מאָל האָט אים די מאַמע געשיקט קויפן ברויט און ער האָט פאַרגעסן צוצושפּילען דעם אָרעם־באַנד, האָט אים אַ דייטש, אַ נאַצי, אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און גענומען שרייען:

— פאַרפלוכטער יודע, שמוציקער שוויין, וואו איז דיין אָרעם־באַנד?

און דער נאַצי האָט זיך מיט זיין שווערן באַנאָגלטן שוך אַוועקגעשטעלט אויף ישראלס באָרוועסן פוס און געדריקט און געדריקט, ביז ישראל האָט אַוועקגעחלשט פון ווייטיק.

ישראל האָט געקוקט אין דער הגדה, אויפן בילד ווי משה שפּאַלט דעם ים מיט זיין וואונדער־שטעקן און פירט אַרויס די יידן פון מצרים.

ישראל האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, ווי אַן אַלטער מענטש, ווי זיין זיידע.

— אַך, ווען וועט קומען אַ משה און צעשפּאַלטן די וואַנט פון געטאָ, וואו אַלע יידן זיינען פאַרשפּאַרט, ווי משה האָט געשפּאָלטן דעם ים, און באַפרייען די יידן, וואָס די דייטשן האַלטן פאַרשקלאַפּט!

דער זיידע האָט מיט אַמאָל אויסגעדרייט דאָס פּנים פון ווינקל:

— נו, מען טאָר ניט טרויען. ס'איז היינט יום־טוב, פּסח אויף דער וועלט, מיר דאַרפן היינט פּראַוועז דעם ערשטן סדר. קומט צום טיש.

די מאַמע איז אַריין פון קיך. אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און שטיל געזאָגט:

— אַ שיינער סדר, טאַטע זיסער! דער טאַטע ערגעץ אין אַ שקלאַפן־לאַגער ביי די מערדערישע דייטשן, און דער זון ליגט ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ לאָך, אונטער דער ערד, ווי אַ מויז, און קיינער ווייסט אפילו ניט וואו זיין געביין איז.

דער זיידע האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— נו, גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן. היטלער מיט זיינע

מערדער וועלן באַקומען זייער שטראָף. אַ וועלט וועט ניט שווייגן. פּרעה האָט געקראָגן זיין סוף, המנען האָט מען אויפגעהאַנגען — היטלער וועט אויך האָבן אַ סוף.

— אָבער פון וואַנען וועט קומען די הילף ? — האָט מיט אַמאָל זיך אָפּגערופן ישראלס שוועסטער. זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר זי האָט זיך פּלוצים צעוויינט און אַנטלאָפן אין קיך אַריין.

— מען טאָר ניט וויינען, קינדער, מען טאָר ניט פאַרשטערן דעם יום־טוב — האָט דער זיידע געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים. — ניט נאָר מיר, די וואַרשעווער יידן, זיינען פאַרשפּאַרט אין געטאָ. אין אַנדערע שטעט זיינען אויך דאָ געטאָס — אָבער מיר יידן האָבן שוין אַמאָל געלעבט אין געטאָס און געטראָגן געלע לאַטעס, אָבער מיר זיינען באַפרייט געוואָרן. מיר וועלן אויך דאָס מאָל באַפרייט ווערן. דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן.

— דער זיידע האָט זיך אויסגעגלייכט :

— נו, קומט, מיר וועלן פּראַווען דעם סדר.

שטיל האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר געעפנט און ברוך, ישראלס ברודער, מיט צוויי חברים זיינען אַריין אין הויז.

— ס'הויבט זיך אָן ! — האָט ברוך אויסגעשריען אָן אָטעם. — היינט, דעם ערשטן סדר, דערציילן יידן ווי זיי האָבן זיך באַפרייט פון פּרעהן. מיט יאָרן שפּעטער וועט מען ביים סדר דערציילן ווי יידן האָבן זיך באַפרייט פון וואַרשעווער געטאָ.

אַלע זיינען געבליבן זיצן מיט אויפבליצנדיקע אויגן און אָפענע מיילער.

— די דייטשן וועלן היינט קומען אַוועקנעמען אַלע יידן, וועלכע זיינען לעבן געבליבן, און זיי אומברענגען. האָבן מיר זיך צוגעגרייט. מיר האָבן אַריינגעשמוגלט געווער און ווען זיי וועלן קומען, וועלן מיר זיי באַגעגענען מיט אונדזערע קוילן — האָט ברוך געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אַ לאַנגן פּעקל, וואָס זיינע חברים האָבן אַוועקגעלייגט אויפן דיל — אָט דאָ איז עס.

דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, איז צוגעגאַנגען צום פּעקל און גענומען אַ ביקס:

— מיר וועלן נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט.

דערנאָך איז צוגעגאַנגען ישראלס שוועסטער און גענומען אַ ביקס, און דערנאָך די מאַמע.

— דו אויך, מאַמע? — האָט די שוועסטער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ, איך בין אויך אַ ייד. יעדער ייד דאַרף נקמה נעמען פון די מערדער.

ישראל האָט זיך אַ לאָז געטאָן:

— איך אויך.

— ניין — האָט די מאַמע געזאָגט, — דו, ישראל, ביסט נאָך צו קליין.

— אָבער — האָט זיך ישראל געבעטן — מיך האָבן אויך די נאַציס געשלאָגן.

— גערעכט — האָט דער ברודער געזאָגט. — דו, ישראל, קענסט אויך העלפן, אָבער ניט מיט דער ביקס. דו וועסט ברענגען וואַסער. די נאַציס האָבן איבערגעשניטן די וואַסער־רערן. דו וועסט ברענגען אַמוניציע און שפּייז.

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל. מיט אַמאָל האָט זיך דער־הערט אַ שאָס.

— עס האָט זיך אָנגעהויבן — האָט דער ברודער געזאָגט — מען דאַרף גיין.

אַלע האָבן אַ נעם געטאָן דאָס געווער און זיך אַרויסגעלאָזט אין דער נאַכט צו קעמפן קעגן די נאַציס.

# מזל און שלימזל

איך וועל אייך, חברה, דערציילן אַ מעשה פון מזל און שלימזל. און אַזוי ווי אַ מעשה דאַרף זיך תמיד ענדיקן מיט מזל, וועל איך אָנהייבן מיט

## שלימזל

גייען זיך צוויי אָרעמע לייט אין וועג. דער טאָג איז אַ הייסער, די זון באַקט און קיין ווינטעלע — אויף אַ רפואה. און דער וועג איז שטויביק. און די פּראָסטע פּויערשע שטיוול, וואָס זיי טראָגן, קריכן טיף אין שטויב, און דער שטויב קריכט טיף אין אויסגעטריקנטן האַלדז — פון דורשט.

די דאָזיקע אָרעמע לייט, לאָמיר זיי אָנרופן אײַזיק און ברוך, זיינען שוין אַפילו געוואוינט צום וועג, ווייל שוין יאָרן לאַנג אַז זיי וואַנדערן אַזוי אויף די וועגן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל און פון דאָרף צו דאָרף. דאָ בעטלט מען אויס אַ מאָלצייט, דאָרט אַ פּאָר קאָפּיקעס און אַמאָל, אַז מען טרעפט אָן אַ גוטע באַלעבאָסטע, בעטלט מען בײַ איר אויס אויך אַלטע קליידער אָדער אַ פּאָר שיך. איז מען שוין געוואוינט צו די שטויביקע וועגן. אָבער דאָס מאָל איז אַ שטי־קעניש און אַזאַ טרוקנקייט און אַזאַ שטילקייט, אַז קיין בלעטל גיט זיך ניט אַ ריר.

מיט אַ מאָל איז די זון פאַרגאַנגען. שוואַרצע כמאַרעס האָבן זיך אָנגערוקט אויפן הימל און אין מיטן טאָג איז פינצטער געוואָרן. באַלד האָט אַ בליץ דורכגעשניטן די פינצטערניש, ס'האָט אָנגעהויבן דונערן און ס'האָט גענומען גיסן — גאַנצע עמערס. און אַז ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען האָט עס שוין גאָר ניט אויפגעהערט.

אונדזערע צוויי אָרעמע לייט, אײַזיק און ברוך, זיינען דורכגענעצט און אויסגעווייקט געוואָרן פון רעגן. פונעם שטויב אויפן וועג איז געוואָרן אַ טיפע געדיכטע בלאָטע, וואָס האָט

זיך געקלעפּט צו די שטיוול און שווער געמאַכט אויפצוהייבן אַ פוס.

און דאָ ציט זיך דער וועג אַזוי לאַנג, אַזוי ווייט און קיין ישוב זעט מען ניט. דער טאָג שטייט ניט, כאָטש מען זעט אים ניט, ווייל ס'איז פינצטער אַרום — און אפשר איז שוין נאַכט ? —

וואָלט זיך כאָטש אַ פייערל פון ווייטן באַוויזן, אַ שטיקל טרייסט, אַ שטיקל האָפענונג.

גייען זיי און גייען. די לייבער דורכגעווייקט, די מידע פיס שלעפּן זיך קוים. און אַ גאַנצן טאָג האָט מען נאָך אין מויל ניט געהאַט, און דאָס מאָל האָט זיך, ווי אויף להכעיס, דער ישוב דערווייטערט מער ווי אַלע טעג.

און אַז זיי האָבן שוין פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען — מיט אַ מאָל — אַ פייערל.

לייכטן אויף זייערע הערצער, פינקלען אויף די מידע אויסגעלאָשענע אויגן און מיט די לעצטע כוחות פאַרשנעלערט מען די טריט.

אָט איז שוין דער ישוב. אַ יידיש שטעטל. איבער דער גלאַנציקער בלאָטע פאַלן פאַסן שיין פון פענצטער. ס'רודערט זיך און ס'איז לעבעדיק אין שטעטל. פון אַ גרויס, שיין הויז אין מיטן שטעטל הערן זיך די פריילעכע, לעבעדיקע טענער פון אַ קאַפּעליע כלי זמרים. פון אַלע פענצטער און טירן שיינט אַרויס דאָס ליכט פון גרויסע בליך־לאָמפּן און באַשיינען כמעט די גאַנצע גאַס.

שטעלן אונדזערע צוויי אָרעמע לייט אָפּ דעם ערשטן יידן, וואָס זיי באַגעגענען :

— וואָס איז דאָרט פאַר אַ שמחה אין יענעם הויז ?

— אַ חתונה. דער גביר פון שטעטל מאַכט חתונה די מיזינקע.

טראַכטן די צוויי אָרעמע לייט ניט קיין סך — און גלייך צו דער חתונה.

אַז דער רייכער מחותן האָט דערזען די צוויי אָרעמע לייט, האָט ער זיי שיין אויפגענומען. ער האָט צוגערופן דעם עלטסטן סאַרווער און זיי געהייסן געבן וועטשערע.

האָט מען זיי דערלאַנגט די גוטע געפילטע פיש, מיטן גוטן ביסל בראָנפן, די גילדענע יויך און געבראָטענע קאַטש־קעס, און טייערן ווײַן און קאָמפּאָט — אַ מאָלצייט כּיד המלך.

פון דער גוטער וועטשערע איז זיך צעגאַנגען אַ מחיה־דיקע וואַרעמקייט אין יעדן אבר און אַ בלייענע, שווערע מיד־קייט האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן קערפּער.

זיצן זיך אונדזערע צוויי אָרעמע לייט אַליין בײַם טיש. די רייכע מחותנים זײַנען אין גרויסן זאַל, טאַנצן און הוליען.

רופט זיך אָפּ אייזיק:

— איי, ברוך, ווען מען קען ערגעץ אָפּרוען די מידע ביינער.

זאָגט ברוך:

— אָט, וועגן דעם טראַכט איך טאַקע. שאַ, לאָמיר אַ זוך טאָן.

נעמען ביידע מיט די בלאָטיקע שטיוול שפּאַנען איבער די רייכע אויסגעפּוצטע צימערן, זוכן אַ פּלאַץ צו צוצושפּאַרן.

גייען זיי פון צימער צו צימער ביז זיי קומען אַרײַן אין אַ גרויסן, גראַמען זאַל, פאַרפּוצט מיט פּלושענע טעפּיכער און טייערע מעבל. לעבן דער וואַנט זעען זיי, שטייט אַ טייערער פּלושענער דיוואַן, אויסגעבעט, און ער בעט זיך פּשוט: „נעמט, יידן, לייגט זיך אַוועק און רוט אויס אייערע מידע ביינער."

טראַכטן זיי ניט לאַנג. אייזיק גיט זיך גלייך אַ וואָרף מיט די בלאָטיקע שטיוול אויפן דיוואַן, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, און די אויגן שלאָפן שוין. ציט זיך ברוך אויס לעבן אים — און ביידע נעמען כראָפּען אויף וואָס די וועלט שטייט.

גייט פאַרביי איינער פון די מחותנים און גיט אַ קוק, ווערט אים פינצטער אין די אויגן. לויפט ער צוריק אַרויס און באַלד קומען אָן אַלע מחותנים און ס'ווערט אַ טומל:

— אַ חוצפּה פון צוויי שנאָרערס, מיט אַזעלכע בלאָטיקע שטיוול אויף אַזאַ טייערן דיוואַן.

געפינט זיך צווישן די מחותנים אַ חברה'מאַן אַ לץ, גיט ער זיך אַ כאַפּ:

— לאָמיר זיך מיט זיי אָפּרעכֿענען: לאָמיר זיך אַלע אויסשטעלן אין אַ האַלבן ראָד אַרום דיוואַן און יעדער זאָל פֿאַרבייגיין און געבן אַ פּאַטש.

געפּעלט יעדן דער פּלאַן. מען שטעלט זיך אויס אין אַ האַלבן ראָד, גייט דורך דער ערשטער, הייבט אויף די האַנט און — קנאַק! גייט דורך דער צווייטער, הויבט אויף די האַנט און — קנאַק! אַזוי, ביז אַלע זיינען דורכגעגאַנגען.

— און איצט קומט צוריק טאַנצן — רופט זיך אָפּ אַ פריי־לעכער דער לץ.

אַז חברה מחותנים זיינען אַרויס פון צימער, האָט ברוך נאָך געזען פונקען פליען פאַר זיינע אויגן, פון די אַלע פּעטש וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט. ער האָט שוין פונדעסטוועגן גע־וואָלט צוריק אַנטשלאָפן ווערן. פאַלט אים איין: וואָס טוט ער, אַז זיי קומען נאָך אַ מאָל? — חברה זיינען דאָך פאַר־שנאַשקעט... נעמט ער וועקן זיין חבר:

— אייזיק, אייזיק, שטיי אויף! דו ביסט שוין גענוג גע־לעגן באַ דער וואַנט. איך פאַל שיער אַרונטער, לאָז מיך אַ ביסל באַ דער וואַנט און רוק דו דיך איבער אויף מיין פּלאַץ.

האָט זיך דער אָפּגעשמיסענער ברוך געלייגט באַ דער וואַנט, און אייזיק לעבן אים. און שטיל באַ זיך האָט ברוך געטראַכט, אַז די חברה וועט נאָך אַ מאָל אַריינקומען — איי, וועט ער עס אַריינכאַפּן!

אין מיטן טאַנצן רופט זיך אָפּ דער לץ צו די מחותנים:

— קומט, לאָמיר נאָך אַ מאָל דערלאַנגען די צוויי שנאָרער.

לאָזן זיך אַריין אַלע מחותנים, שטעלן זיך אין אַ האַלב ראָד ווי פריער און זיינען שוין גרייט אָנצוהייבן געבן פּעטש. רופט זיך אָפּ איינער:

— וואו איז יושר? אָט דעם באַ דער זייט האָט מען שוין גענוג אַריינגעצימבלט, לאָמיר איצט אָפּרוקן דעם דיוואַן און דערלאַנגען דעם צווייטן.

טראַכט מען ניט קיין סך. מען רוקט אָפּ דעם דיוואַן און — קנאַק! אַזוי איינער נאָכן צווייטן.

אָט דאָס איז שלימזל.



— און איצט

# מזל

אין אַ קליין שטעטל איז דער רב געשטאָרבן און מען האָט באַדאַרפט אַ נייעם רב. האָט מען צעשיקט בריוו אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך און געלאָזט וויסן, אַז דער וואָס וועט האַלטן די בעסטע דרשה וועט פאַרנעמען דעם שטול פון רבנות.

דינסטיק איז אין שטעטל אָנגעקומען אַ יונגער רב, פאַר־פאָרן אין דער איינציקער אַכסניה אין שטעטל און זיך גענומען צוגרייטן זיין דרשה אויף שבת.

אויפן צווייטן טאָג איז אָנגעקומען אַן עלטערער רב און אויך, פאַרשטייט זיך, פאַרפאָרן אין דער איינציקער אַכסניה אין שטעטל.

דער עלטערער רב האָט אָפּגענומען אַ צימער לעבן דעם צווייטן רב. אַ קליין שטעטל, אַן אָרעמע אַכסניה, איז די וואַנט צווישן די צוויי צימערן געווען זייער אַ דינע, פון ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּט, און מען האָט געקענט הערן וואָס מ׳רעדט אין צווייטן צימער.

נעמט דער עלטערער רב טראַכטן וועגן אַ דרשה אויף שבת און — עס גייט ניט.

ווי ער זיצט אַזוי און טראַכט, הערט ער ווי עמעצער שפּאַנט אַרום אין צווייטן צימער און רעדט. לייגט ער צו דעם אויער צו דער וואַנט, הערט זיך גוט איין — דערהערט ער ווי עמעצער לערנט זיך אַ דרשה, טראַכט ער ניט קיין סך, נעמט די פען און שרייבט אָפּ די גאַנצע דרשה.



געקומען שבת באַטאָג אין שול אַריין, איז שוין געווען דאָס גאַנצע שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז דעם ערשטן הייסט מען אַרויפגיין אויף דער בימה דעם עלטערן רב.

גייט זיך אַרויף דער רב און נעמט זאָגן זיין דרשה. אַז דער יינגערער רב האָט דערהערט די דרשה, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן — זיין דרשה, וואָרט אין וואָרט. וואָס טוט מען? זאָגן, אַז ס'איז זיין דרשה, וועט מען אים אויסלאַכן. און קיין אַנדער דרשה האָט ער ניט צוגעגרייט. וואָלט ער כאָטש געוואוסט מיט אַ טאָג פריער! מילא, פאַר־פאַלן — די שטעלע וועט ער שוין ניט קריגן.

דער עלטערער רב האָט געענדיקט די דרשה און מען זעט אַז אַלע זיינען צופרידן.

וואָס זאָל דער יינגערער רב טאָן? אַנטלויפן? אַז אַ גאַנצע עדה יידן וואַרט.

נו, טראַכט ער, וואָס ס'עט זיין, וועט זיין. ער וועט אַרויפגיין און אָפּזאָגן זיין דרשה.

ער האָט זיך געשטאַרקט, אַרויף אויף דער בימה און אָפּגעזאָגט זיין דרשה.

ווי ער איז נאָר אַרונטער פון דער בימה, איז געוואָרן אַ טומל צווישן עולם:

— איי, איי, איי, אַזאַ מיניסטער־קאָפּ! אַזאַ גאון! איין מאָל געהערט אַ דרשה, און באַלד נאָכגעזאָגט — וואָרט אין וואָרט.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, געדריקט זיין האַנט און אים געלויבט פאַר זיין גוטן קאָפּ, פאַר זיין טייערן זכרון און — ער איז געוואָרן רב אין שטעטל.

אָט דאָס איז — מזל.



# וואָויע ווינט

אין אַ קליין שטיבל, אין אַ קליין שטעטל, לעבן אַ קליין טייכל האָבן זיי געוואוינט די דריי — אירווינג, ראַלף און פיליס, צוויי ברידער און איין שוועסטער.

און געווען זיינען זיי צווישן זיך קידער־ווידער. נאָר זיך אַרומגעקריגט, נאָר זיך אַרומגעריסן און נאָר זיך אַרומגעשלאָגן. ס'אַ שאַנדע צו דערציילן, דעם אמת טאָר מען אָבער ניט באַהאַלטן.

האָט ראַלף געקראָגן אַ שלעכטן צייכן אין שול, האָט אירווינג זיך געריצט מיט אים און אים געשלאָגן פאַר וואָס ער לערנט זיך ניט גוט.

האָט ראַלף געקראָגן אַ גוטן צייכן, אַ בעסערן פון איר־ווינגן, האָט אירווינג אים געשלאָגן און געשריען אויף אים, אַז ער איז אַ „שאָו אָף", האָט זיך ליב אויסצושטעלן און וויל באַווייזן אַז ער איז בעסער פון אים.

האָט פיליסן פאַרדראָסן, פאַרוואָס זיי קריגן זיך און רייסן זיך, און זי האָט זיך מיטביידע גענומען אַרומרייסן און אַרום־שלאָגן.

אַזוי כמעט יעדן טאָג.

מילא, ווינטער איז קיין סך צייט אויף צו קריגן זיך ניט געבליבן, ווייל ביז שפּעט נאָכמיטיק איז מען געווען פאַרנומען אין שול, און דערנאָך האָט מען באַדאַרפט צוגרייטן די היים־אַרבעט.

שבת און זונטיק איז שוין געווען מער צייט, איז אָבער דער טאַטע געווען אין דער היים און געשטערט.

אָבער אַז ס'איז געקומען דער זומער — פריי פון שול, פריי פון היים־אַרבעט, נו, נו, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן! — די מאַמע האָט זיך צוליב זיי אַרומגעטראָגן מיט אַ שטענדיק קאָפּווייטיק און שטענדיק געווען אויפגערעגט און נערוועז:

— קינדער זאָלן אַ מינוט ניט לעבן בשלום!

גייען איין מאָל אין אַ זומער־טאָג די דריי חברה־לייט צום טייכל כאַפּן פיש. הויבט מען זיך אָן אַרומקריגן, אַרומ־רייסן ביז — אוירווינג גיט אַ שטופּ ראַלפן און — פּליוך אין טייכל אַריין. שטעקט ראַלף אַרויס אַ האַנט און כאַפּט אָן אוירווינגן ביי אַ פוס און נעמט אים שלעפּן אין טייכל אַריין. זעט אוירווינג, אַז אָט־אָט פאַלט ער אַריין, גיט ער זיך אַ כאַפּ־אָן אין פּיליסן און איינס און צוויי — פּליוך, פּליוך אוןביידע ליגן שוין אין טייכל.

ליגן שוין אַלע דריי אין טייכל.

קוים מיט צרות האָבן זיך אַלע דריי דורכגענעצטע, דורכ־געווייקטע אַרויסגעשלעפּט פון טייכל און — וואוהין לויפט מען ? — אוודאי צו דער מאַמען. און אַלע מיט טענות און געוואַלדן :

— אוירווינג האָט מיך אַריינגעשטופּט — טענה׳ט ראַלף.

— ראַלף האָט מיך אַריינגעשלעפּט — טענה׳ט אוירווינג.

— אוירווינג האָט מיך אַריינגעשלעפּט, ווייל ראַלף האָט אים אַריינגעשלעפּט, ווייל אוירווינג האָט אים אַריינגעוואָרפן — טענה׳ט פּיליס.

נו, גיי זיי אַ חכם און דערגיי אַ טאָלק.

איז טאַקע די מאַמע געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, נאָר באַלד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז דער טאָג שטייט ניט און ס׳איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט, האָט זי זיי געהייסן גלייך אַריינגיין זיך איבערטאָן, איידער זיי פאַרקילן זיך און ווערן חלילה קראַנק.

די מאַמע האָט גענומען זייערע קליידער און אַרויס־געגאַנגען אין הויף זיי אויפהענגען אויף די שטריק וואו זי הענגט אויס אירע נאַסע גרעט.

האָט זי אויפגעהאַנגען ראַלפס און אוירווינגס העמדלעך און פּיליסעס קליידל, נאָר פאַר די צוויי פּאָר הויזן איז שוין קיין פּלאַץ ניט געווען, ווייל דער שטריק איז געווען פאַרנומען מיט ציכלעך און ליילעכער און טישטעכער און העמדער און האַנטעכער און נאָז־טיכלעך. האָט זי אין איילעניש צוגעטשע־פּעט מיט שפּילקעס ראַלפס הויזן צו אוירווינגס העמד און

אוירווינגס הויזן צו ראַלפס העמד און אַוועק אין קיך צוגרייטן וועטשערע.

* * *

ס'איז געווען אין רעכטן מיטן זומער. די מאַמע־זון איז געווען זייער שטאַרק פאַרנומען. געאַרבעט פון זייער פרי אָן ביז העט־העט שפעט. ס'האָט איר קוים געסטייעט צייט אויף אַריינצוכאַפּן אַ ביסל שלאָף.

זי האָט געדאַרפט גאַנץ פרי נעמען אויסטריקענען און אויסוואַרעמען די בלעטלעך פון די רעטעכלעך און קאַרטאָפ־ליעס, פון די רויזן און בלומען; זי האָט באַדאַרפט אָפּרויטלען די בעקלעך פון די עפּל, אָפּגרינען די אַגרעסן, אָפּגילדן די פערשקעס און אַפּריקאָסן און אָפּשוואַרצן די קאַרשן.

זי האָט באַדאַרפט אָפּברוינען די קינדערשע קערפּערס, אָנוואַרעמען דאָס וואַסער אין די טייכן, אַז די קינדער זאָלן זיך ניט פאַרקילן ווען זיי באָדן זיך; זי האָט זיך באַדאַרפט דורכשפּאַרן דורך שמאָלע פאַסן צווישן צונויפגעדריקטע מויערן, כדי צו ברענגען אַ ביסל ליכט און פרייד אין אָרעמע הייזער.

ס'אַ קלייניקייט צו זיין אַ מאַמע־זון?

איז אַט פונקט דאַן, ווען די מאַמע האָט אויפגעהאַנגען אוירווינגס און ראַלפס פיליסעס קליידער, איז די זון מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. וואוהין? — ווער ווייס? אפשר זיך אַ ביסל אָפּרוען, אָדער אפשר באַדאַרפט ערגעץ וואו אַ וואַרעם טאָן דורך אַ פענצטער אַ קראַנק קינד. מאַלע וואָס!

איז אַזוי שנעל ווי די זון איז אַוועק, האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט, ס'איז געוואָרן פינצטער אין מיטן טאָג און פון ערגעץ האָט זיך אַ יאַווע געטאָן וואויע־ווינט און אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען דעם שטריק מיט דער וועש, האָט ער זיך צעהוליעט און געלאָזט וואויל גיין.

צו ערשט האָט ער אַ טרייסל געטאָן און צעהוידעט דעם שטריק מיט דער וועש, מיט אַזאַ וואו־ו־ו, מיט אַזאַ געשריי, אַז די הויזן און העמדער און נאַכט־קליידער האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן ערד־ציטערניש.

וואויע־ווינט האָט געגעבן אַ שטאַרקן בלאָז, איז אוירווינגס אַרבל אַ פּאַל געטאָן אויף ראַלפּס פּלייצע, האָט עס ראַלפּס העמד שטאַרק פאַרדראָסן:

— הויבסט זיך שוין אָן, האַ?

און מיט אַן אַרבל פאַרפאָרן אוירווינגן גלייך אונטערן לעפעלע אַזוי, אַז אוירווינגס העמד האָט זיך אַזש איינגע־קנייטשט ווי אַ באַלון, פון וועלכן מען האָט אַרויסגעלאָזט די גאַנצע לופט.

וועט אוירווינג שווייגן? האָט ער אַ הויב געטאָן אַ הויז און דערלאַנגט מיטן גאַנצן כח אין ראַלפּס לינקן הויז — דער הויז איז אַזש אַ שפרונג געטאָן אין דער לופט פאַר ווייטיק.

דאָ איז מיט אַמאָל ראַלף אויפגעשפרונגען מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט זיך שיר אַריבערגעדרייט איבערן שטריק. מיט אַמאָל איז ער צוריקגעפאַלן און זיך צעלאַכט מיט אַזאַ געלעכטער, אַז דער גאַנצער שטריק מיט וועש האָט אָנגעהויבן אונטערצושפּרינגען.

— כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ! זע נאַר אַ טיפּוש! האָסט זיך דאָך אַליין אַ זעץ געטאָן מיט מיין הויז אין דיין הויז.

— וואָס? — האָט אוירווינג צעעפנט דעם האַלדז פון זיין העמד פון גרויס פאַרוואונדערונג. און ער האָט דערזען, אַז טאַקע ער, אוירווינג, טראָגט ראַלפּס הויזן און ראַלף טראָגט זיינע הויזן.

— אַזוי? — האָט אוירווינג זיך ערשט רעכט צעלאָזן מיט אַ שרעקלעכן כעס — איך שלאָג זיך גאָר אַליין מיט דיינע הויזן, אַזאַ חכם ביסטו, נאַ!

און ער איז אים פאַרפאָרן גלייך אין מיטן העמד.

האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע געשלעג.

איז פיליסעס קליידל אַריין אין מיטן און געוואָלט זיי צענעמען. זיינען זיי ביידע זי באַפאַלן און אַלע דריי האָבן זיך פאַרפלאָנטערט.

אַלע ווילע האָט זיך אַ הויב געטאָן איבערן שטריק אַן אַרבל, אַ הויז, אַ קליידל — אַ פּאַל און אַ הויב, אַ הויב און אַ פּאַל.



אוירווינג און ראַלף און פיליס זיינען געשטאַנען ביים פענצטער און דאָס אַלץ צוגעזען:

רופט זיך אָפּ אוירווינג:

— זעסט, ראַלפעניו, וואָס פאַר אַ צאַצקע דו ביסט... אפילו די אַרבל און די הויזן דיינע קענען ניט איינרוען אַ מינוט און נאָר זיי הויבן זיך.

צע׳כעס׳ט זיך ראַלף:

— אַזוי, סמאַרט עליק, גרויסער חכם, נו און דיינע אַרבל און דיינע הויזן זיינען נעבעך רואיק ווי די קעצעלעך.

און ראַלף שטופּט אָפּ אוירווינגן:

— טראָג זיך בעסער אָפּ, איידער איר פאַרפאָר דיר אין דער נאָניע!

און ס׳הויבן זיך אָן צו פליען קלעפּ און בוכטשעס, און אַז פיליס וויל זיך אַריינמישן כאַפּט זי קלעפּ פון ביידע זייטן.

— זעט! — שרייט מיט אַ מאָל אויס פיליס.

אַלע אויגן גיבן זיך אַ וואָרף צום פענצטער. זעען זיי:

ראַלפס און אוירווינגס און פיליס קליידער האָבן זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופט, זיך אַראָפּגעריסן פון שטריק און זיך גענומען דרייען און דרייען מיט פאַרפלאָנטערטע אַרבל און הויזן און קליידל. ס׳האָט גענומען גיסן מיט אַ מאָל אַ שטאַרקער רעגן. פון ראַלפס און אוירווינגס און פיליסעס קליידער איז געוואָרן איין פאַרפלאָנטערטער קנויל, וואָס האָט

זיך געגומען קייקלען ווי אַ קויל צום פעלד קעגנאיבער און מיט אַ מאָל ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַלע דריי האָבן זיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און זיך ניט גערירט פון די פּלעצער.

* * *

דער רעגן האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט, וואויע־ווינט איז פאַרשוואונדן. די זון איז צוריקגעקומען מיט איר וואַרעמען מאַמעדיקן שמייכל.

שנעל זיינען אוירווינג, ראַלף און פּיליס אַרויס פון הויז און זיך געלאָזט לויפן צום קעגנאיבערדיקן פעלד.

אין עק פעלד, צווישן די קוסטעס, זיינען געלעגן אין איין קנויל פאַרפּלאָנטערט אוירווינגס און ראַלפס און פּיליסעס קליידער. זיי זיינען געווען אויסגעשמירט מיט בלאָטע, די אַרבל און די הויזן צעריסן און צעפּליקט — זיי האָבן שוין קיין כח ניט געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן.

אוירווינג און ראַלף און פּיליס האָבן פאַרשעמט אַראָפּ־געלאָזט די קעפּ. זיי האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינס ס׳אַנדערע אין די אויגן.

און יעדער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: מער שלאָג איך זיך ניט.

די זון האָט אַלץ צוגעזען און וואַרעם געשמייכלט.

# שוין איינמאָל אַ וועווריק

די זומער קאָלאָניע האָט מיט אַ מאָל זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ס'האָט זיך אָנגעהויבן רודערן. ערשט איז די קאָלאָניע געלעגן און געדרימלט. פייגעלעך זיינען אַרומגעשפּרונגען אויף דיביימער און געזונגען, וועווריקעס און האָזן זיינען געלאָפן איבער די לאָנקעס, איבער די ביימער; זשאַבעס האָבן זיך געלאָזט הערן מיט זייער קוואַ־קוואַ און די קאָלאָניע האָט זיך איינגעהערט און געדרימלט, און מיט אַ מאָל אַזאַ טומל — הונדערטער קינדערשע פיסלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די לאָנקעס. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען, פריילעך געלעכטער, לידער און די קאָלאָניע האָט דערוואַכט.

די קינדער האָבן זיך גלייך געלאָזט צו זייערע באַנגעלאָס. גענומען אויספּאַקן די פּעקלעך, פאַרבעטן די בעטן, צעלייגן אַלץ אויף אַן אָרט און זיך איינשטעלן פאַרן זומער.

די גרופּע קינדער פון באַנגעלאָ נומער 15 איז די ערשטע פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און דער לערער האָט געהייסן די אַלטע קעמפּער צו באַקענען די נייע קעמפּער מיט דער קאָלאָניע.

חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן קעמפּ. צו ערשט איז מען געלאָפן אָפּגעבן שלום עליכם דעם טייך און דערנאָך דעם ספּאָרט פעלד און דערנאָך דעם וועלדל און אַז מען איז צוריקגעקומען האָבן די אַלטע קעמפּערס, וועלכע האָבן שוין דאָ פאַרבראַכט עטלעכע זומערן, דערציילט די קעמפּערס מעשות פון די פריערדיקע זומערן און מיט אַ מאָל האָט זיך הערשל אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, גאָר פאַרגעסן. וואו איז וועלוול וועווריק? לאָמיר אַ קוק טאָן אונטערן באַנגעלאָ.

חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן אונטערן באַנגעלאָ מיט אויסרופן און געשרייען:

— וועלוול וועוריק, וועלוול וועוריק, וואו ביסטו? יו־או־או־או!

נאָר וועלוול וועוריק האָט זיך ניט באַוויזן. ניטאָ קיין וועלוול וועוריק.

די נייע קעמפּער האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ גייט אָן. האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די נייע קעמפּערס:

— ווער איז עס דער וועלוול וועוריק, וואָס איר זוכט אים אַזוי אַרום?

האָט הערשל, איינער פון די אַלטע קעמפּערס דערציילט:

„מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט זיך לעבן אונדזער באַנגעלאָ באַוויזן אַ וועוריק. מיר האָבן זיך, פאַרשטייט זיך זייער דערפרייט מיט אים. איינער פון די קעמפּער האָט געהאַט ניסלעך, האָט ער זיי אַרויסגעבראַכט. וועוריק האָט זיי קונציק אַ כאַפּ געטאָן, אָפּגעלאָפן אַ ביסל ווייטער פון אונדז, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די אונטערשטע פיסלעך און מיט די פאָדערשטע צוויי געשטופּט די ניסלעך אין מויל אַריין ווי מיט צוויי הענט און שנעל שנעל געגעסן.

אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און פון דאַן אָן איז וועוריק געוואָרן מיט אונדז היימיש און אָנגעהויבן קומען צו אונדז צו גאַסט יעדן פרימאָרגן און מיט דער צייט איז ער גאָר געוואָרן היימיש און שוין געקומען עטלעכע מאָל אַ טאָג. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן וועלוול און דער גאַנצער קעמפּ האָט אים שוין גערופן וועלוול וועוריק.

האָט זיך געמאַכט אַ טאָג, אַז וועלוול וועוריק האָט זיך פאַרשפּעטיקט, אָדער אינגאַנצן זיך ניט באַוויזן, זיינען מיר אַלע געווען אומעטיק און אַרומגעגאַנגען ווי אָן קעפּ און פון די שכינישע באַנגעלאָס פלעגן אַלע ווילע קומען שליחים און זיך נאָכפרעגן אויף וועוריקן, אָדער ברענגען די נייעס, אַז עמיצער האָט געזען אַ ייִנגל, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז זיינער אַ פריינט איז אינדערפרי געווען אויפן ספּאָרט פעלד און געזען וועוריקן. און אַז וועוריק האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּ־געזוכט, איז געוואָרן אַ גדולה, אַ פרייד און פון איין באַנגעלאָ



צו דער צווייטער האָט זיך צעטראָגן די פריילעכע בשורה, אַז װעלוול װעװוריק האָט זיך אָפּגעזוכט.

אַז דער זומער האָט זיך פאַרענדיקט און מיר האָבן שוין באַדאַרפט צוריק פאָרן אַהיים איז געװאָרן אומעטיק אין באַנ־געלאָ. ניין, ניט נאָר אין אונדזער באַנגעלאָ, נאָר אין אַלע באַנגעלאָס. עס האָט זיך אַזוי ניט געװאָלט שיידן מיט װעלוול װעװוריק. אונדזער ליבער חבר װעלוול װעװוריק.

— הכלל, עס איז געװען זייער שװער זיך צו שיידן מיט װעלוול װעװוריק פאָרן אַהיים פאָרן.

אַװעק דער קאַלטער װינטער און דערנאָך דער פרילינג, און שוין װידער זומער און מיר לאָזן זיך אין קעמפּ אַריין. און אַזוי שנעל װי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין באַנגעלאָ און איבערגעשלאָפן די נאַכט — אַהאַ, עמיצער דראַפּעט די טיר און װעקט אונדז פון שלאָף און װער, דענקט איר, איז דאָס געװען ? װעלוול װעװוריק. ער האָט אונדז גלייך דערקענט, אונדז די אַלטע קעמפּער, און ניט אַנטלאָפן פון אונדז. מיר האָבן אים געגעבן עסן און ער האָט אונדז געלאָזט גלעטן זיין גלאַטע פעל.

— און פאַראַיאָרן ? — האָט געפרעגט איינער פון די נייע קעמפּער.

— פאַראַיאָרן אויך דאָס זעלבע, אַזוי שנעל װי מיר האָבן זיך באַװיזן אין קעמפּ, האָט זיך באַװיזן װעלוול װעװוריק און זיך דערפרייט מיט אונדז.

— וועט ער זיך היי יאָר אויף אָפּזוכן, — האָט אַ נייער קעמפּער גענומען טרייסטן די אַלטע קעמפּער.

עס האָט זיך דערהערט דער גלאָק.

— וואָס איז דאָס ? — האָט געפרעגט איינער פון די נייע קעמפּער.

— צייט צו גיין שלאָפן, — האָט הערשל דערקלערט.

— און וואָס וועט זיין מיט וועלוול ווערוויק ? — האָט איינער געפרעגט.

— לאָמיר וואַרטן ביז מאָרגן אינדערפרי — האָט איינער פאָרגעלייגט — און אויב ער וועט זיך מאָרגן ניט באַווייזן, וועלן מיר זיך לאָזן אים זוכן, און אויב מיר וועלן אים ניט געפינען וועלן מיר געפינען אַן אַנדער חיהלע און עס מאַכן פאַר אונדזער פריינט.

אויף מאָרגן גלייך נאָך פרישטיק האָט חברה שנעל פאַר־בעט די בעטן, אויפגעראַמט די באַנגעלאָ און מיט דער דער־לויבעניש פון לערער, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט זוכן וועלוול ווערוויק. מען האָט געזוכט אַרום די באַנגעלאָס, אויפן ספּאָרט פעלד, אין וועלדל, לעבן טייך און וואו אַ ווינקל, אָבער וועלוול ווערוויק האָט מען ניט געקענט געפינען. איז געבליבן, אַז מען זאָל כאַפּן אַ ווערוויק, אָדער אַ האָז, און חברה האָט זיך דאָס מאָל צעטיילט, און יעדער איינער האָט זיך געלאָזט אויף אַן אַנדער וועג.

און מען האָט געזוכט און געזוכט, אָבער קיינער האָט גאָר ניט געבראַכט, ווייל אַפילו אַז מען זעט שוין אַ ווערוויק, אָדער אַ האָז, מיינט עס נאָך ניט, אַז זיי וועלן זיך לאָזן כאַפּן, איז נאָך עטלעכע שעה זוכן איז מען טאַקע צוריקגעקומען מיט גאָרניט.

אַלע האָבן זיך אומגעקערט צו דער באַנגעלאָ, געפעלט האָט נאָר עליע, איינער פון די נייע קעמפּער.

מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט געשרייען :

— געכאַפּט ! געכאַפּט ! איך האָב אים געכאַפּט ! שנעלער קומט העלפן !

אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און די אויגן

האָבן געקוקט אויף אַלע זייטן אויסצוגעפינען ווער עס שרייט, ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז עליע דער נייער קעמפּער.

עליע איז צוגעלאָפן פאַרסאָפּעט, פאַרשוויצט:

— איך האָב זיך געיאָגט נאָך אים אפשר צוויי שעה, אָבער איך האָב אים געפּאַקט.

— ווער? ווער? — האָבן אַלע געוואָלט וויסן.

— אַ ווער.

— וואו זשע איז ער — זיינען אַלע געווען נייגעריק צו וויסן.

— איך האָב אים פאַרשפּאַרט אין דער ליידיקער באָנגעלאָ ביים טייך. איך בין געקומען נאָך אַ שטריק. און ער איז אַזוי שיין. אַזאַ גלאַטע פעל. שוואַרץ ווי זייד און איבערן רוקן אַזוי ווייס ווי שניי. ער איז זייער חנעוודיק. שנעל גיט מיר אַ שטריק, וועל איך אים אָנטאָן אויפן האַלדז און אים ברענגען.

— וואָס פאַר אַ שטריק, וואָס? וואָס גייסטו ברענגען, אַן אָקס צי אַ קאַלב? אַ ווער איז אַ צאַרט באַשעפעניש, מען דאַרף עס נעמען אויף די הענט און זיין פאָרזיכטיק, עס ניט דערשטיקן, וויל ער גאָר אַ שטריק — האָט זיך הערשל גע־בייזערט.

די גאַנצע חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך עליען און עליע איז געגאַנגען פאָראויס ווי אַ שטאָלצער גענעראַל, וואָס האָט באַוויזן איינצונעמען דעם שונא.

צוגעקומען צו דער ליידיקער באָנגעלאָ, האָט עליע אויפ־געהויבן די האַנט און געהייסן יעדן בלייבן שטיין אין דרויסן. ער וועט שוין אַליין אַרויסברענגען וועווריקן אָן אַ שטריק, נישקשה מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

עליע איז אַריין אין באָנגעלאָ און באַלד אַרויסגעקומען אַ שטאָלצער טראָגנדיק אין זיינע אָרעמס זיין פאַנג.

אַז חברה האָט דערזען דאָס חיהלע מיט דער שוואַרצער פעל און ווייסן פּאַס אויפן רוקן, אין עליעס אָרעמס, האָבן זיי גענומען לויפן ווי פון אַ שריפה און שרייען:

— אַ סקאָנק, אַ סקאָנק, יידן ראַטעוועט זיך!



— אוי איז דאָס אַ װעװוריק, שוין אײנמאָל א װעװוריק, — האָט הערשל געגומען שרײען — חברה ראַטעװעט זיך, דאָס איז אַ טכויר, ניט קײן װעװוריק, טראָגט זיך אָפּ װאו דער שװאַרצער פּעפּער װאַקסט!

מילא, אַז עליע האָט געזען װאָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט ער אָפּגעלאָזט דעם טכויר און זיך געלאָזט לויפן צו זײן באַנגעלאָ, אָבער חברה איז געשטאַנען אויסגעשטעלט װי אַ װאַנט אַרום דער באַנגעלאָ און אַז עליע האָט זיך באַװיזן, האָבן זײ גענומען שרײען מיט באַנומענע קולות:

— אַװעק פון דער באַנגעלאָ! אַװעק! לויף גלײך אין דער שפּריץ. װאַרף אַװעק די קלײדער װאָס דו טראָגסט. װאַש זיך גוט אָפּ מיט אַ סך זײף און מיר װעלן דיר ברענגען נײע קלײדער.

אַ פאַרשעמטער איז עליע אַװעק אָפּצואװאַשן פון זיך דעם ריח פון טכויר.